בס"ד

שנה ג'
נומער ק"מ
**פרשת ראה**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



# סיום הש"ס פון הילד נחמן נתן נרו יאיר בן הראש ישיבה שליט"א

## ליל ששי עקב תשפ"ב



תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל באזוכט ביי הרה"ח ר' נפתלי לעבאוויטש שליט"א תורה שרייבער פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע

א שיחה פון דער ראש ישיבה שליט"א:
**פאלשע ענוה**

א סעודה מיט'ן ראש ישיבה:
**פארוואס דארף איך א שטעטל?**

נייעס:
**BPAY א נייע פראקטישע וועג צו געבן צדקה**

קריית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן,
אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM




**א בריוו**
א וואונדערליכע מעשה ביי הגאון רבי חיים קנייבסקי זצ"ל
7




**צום פינטל**
ביטע נישט לייענען דעם ארטיקל!
10



**שטעטל נייעס**
א נייע ארגעניזאציע אין שטעטל
15



**מעשיות פון תפילה**
איך שפיר שוין גוט נאכ'ן בעטן דעם אייבערשטן
18



**א רייזע מיט פישל**
פאר איך אויפ'ן ריכטיגן וועג?
32



**בילדער אפטיילונג**
בילדער פון שמחות אין די קהילה
39


## זמנים Liberty

פרשת ראה ל' אב תשפ"ב

הדלקת הנרות.........07:23
מוצאי שבת............08:52

מנחה מעריב שופטים ... 08:30

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר א חשובע משפחה אין שטעטל

**מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו**
**וזוגתו עלקא תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך
נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר א חשובע משפחה אין שטעטל

**מו"ה נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך
נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 26 | 80°/56° | Isolated Thunderstorms |
| Sat 27 | 80°/57° | Mostly Sunny |
| Sun 28 | 80°/57° | Partly Cloudy |
| Mon 29 | 83°/60° | Partly Cloudy |
| Tue 30 | 83°/60° | Showers |
| Wed 31 | 79°/57° | Thundershowers |
| Thu 01 | 76°/52° | Showers |
| Fri 02 | 76°/52° | AM Light Rain |



# מזל טוב

ברכת מזל טוב חמה ולבבית שגורה בזאת קדם חברינו היקר
ראש וראשון לכל דבר שבקדושה

## מוה"ר שמעון עוזר פערל שליט"א
## ונוות ביתו החשובה שתחי'

אשר מוסרים את נפשם ואת כל הונם למען הצלחת מוסדותינו בארץ הקודש
הקימו בעמל ובזיע את בית מדרשינו בביתם בטוב לב ובמסירות
תורמים את מעונם לתלמוד תורה של ילדי התשב"ר
עוסקים ימים ולילות בתרגום ספריו של מורינו ראש הישיבה שליט"א
במסירות נפש של ממש
זוכים ומזכים את הרבים מדי שבוע בשבוע בהפצת הקונטרסים והגליונות בכל הארץ,
הקימו במסירות את בית הדפוס בביתם מתוך שמחה
השליכו את כל אשר להם למען הפצת אור רבינו הקדוש ותלמדיו בארץ הקודש

## לרגל הולדת הנכדה למזל טוב אצל חתנם
## מוה"ר ישראל יאראוויטש הי"ו

יה"ר שיזכו לרוות נחת לרוב ממנה ומכל יוצאי חלציהם
ויזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות
מתוך שמחה ובריאות והרחוות הדעת בטוב ובנעימים

המברכים

הנהלת המוסדות.
לומדי ומתפללי ביהמ"ד בירושלים עיה"ק.
אלפי קוראי הקונטרסים והספרים בארץ הקודש ובכל העולם.
ילדי התלמוד תורה והמלמדים.

בריוו צו די
# רעדאקציע

## דאס בילד אויפן דעקל פון סאטמאר רבי זי"ע

פאריגע וואך האב איך באקומען אייער מאגאזין ביי מיין טיר דא אין קרית יואל, עס איז באמת זייער שיין, עס איז דאס ערשטע מאל איך באגעגן מיך מיט אייער בלעטל.

איך האב א שאלה וואס איך האב געוואלט פרעגן: אויפן דעקל פון פרשת עקב איז ערשינען עפעס גאר א זעלטן לעכטיג בילד פון רבי'ן ז"ל, צווישן די צענדליגער און אפשר הונדערטער בילדער וואס איך האב שוין געזען פון רבי'ן האב איך דעם בילד נאך קיינמאל געזען בעפאר, עס איז קלאר, און אזוי שיין קאלירט און לעכטיג, דער רבי מיט א לעכטיגע שמייכל, א לעכטיגע צורה ארומגענומען מיט קינדער, די וועג ווי אזוי די קינדער גייען אנגעטון זעט עס נישט אויס אז דאס איז א בילד ווי דער רבי איז ארומגענומען מיט תלמידים, איך האב אסאך ארייגעקוקט אינעם בילד אבער איך קען נישט כאפן ווי דאס בילד איז.

עס קען זיין אז עס איז נאר א חלק פונעם בילד, עס קען זיין אז אויב מען זעט דאס גאנצע בילד, קען מען דאס קלארער אידענטיפיצירן לויט די ארומיגע זאכן און מענטשן, ווי אזוי עס זאל נאר נישט זיין, וואלט איך געוואלט וויסן צו איר ווייסט ווי און ווען דער בילד איז.

יישר כח

**ש.ש.א.**

### *ענטפער פון די רעדאקציע*

דער בילד איז ארגינעל א שווארץ און ווייסער בילד, מיר האבן דאס איבערגעמאכט מיט די היינטיגע טעכנלאגיע וואס טוט צוגעבן דער ארגינאלער קאליר צו א אלטער בילד.

בייגעלייגט קענט איר זען די גאנצע בילד



לויט ווי מיר האבן זיך נאכגעפרעגט ביי אידן וואס זענען אויפגעוואקסן אין סאטמאר נאך אין צייטן וואס דער סאטמאר רבי זי"ע האט געלעבט, געבן זיי איבער אז דער בילד איז ווען דער רבי האט באזוכט אין בני ברק, און דעמאלט האט ער זיך געטראפן מיט הרב וואזנער זי"ע פון בני ברק.

## פאזיטיווע קאמענטארן

לכבוד די קרית ברסלב בלעטל, א גרויסן שכח פאר די שיינע וועכנטליכע בלעטל, מיר האבן זייער שטארק הנאה דערפון יעדע וואך עקסטער.

איך האב געטראכט, אפשר קען מען אנהייבן אן

הלכה ווינקל וואו מ'וועט קענען זען יעדע וואך א שטיקל הלכה, צום ביישפיל הלכות שבת, און אזוי ווייטער.

א גרויסן שכח נאכאמאל פאר אלעס וואס איר טוט.

**ר. ג.**

## א מלמד באדאנקט זיך

א גרויסן שכח פאר די מערכת פארן אהערשטעלן יעדע וואך אזא שיינע בלעטל, איך בין זיך ממש מחי', ס'איז הערליך שיין.

יעדע וואך איז עס געוואלדיג שיין און רייך, אבער פארגאנגענע וואך איז עס געווען עפעס ספעציעל שיין. עס איז מורא'דיג די גאנצע מהלך פון רעדן פון רבין זי"ע מ'סאטמאר.

איך בין א מלמד אין א תלמוד תורה, נאכ'ן זעהן די נייע אפטיילונג "הילולא קדישא" האב איך שוין וואס נאכצוזאגן פאר מיינע תלמידים אין חדר, ווערטער פון סאטמאר רבי זי"ע לויט די שכל פון מוהרא"ש און ראש ישיבה.

חזק ואמץ

**ז. ל. מ.**

## דער פייערדיג שטיקל וואס ווערט געברענגט אין ספר הקדוש ויואל משה

איך האב גאר שטארק הנאה געהאט וויאזוי איר האט אזוי שיין געדעקט פון הרב הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו.

איך ווייס נישט צו איר ווייסט, עס איז זייער אינטערעסאנט ווי דער סאטמאר רבי ז"ל ברענגט אין ויואל משה מאמר ישוב ארץ ישראל סימן ק"נ בשם רבינו הקדוש מוהר"ן מברסלב זכותו יגן עלינו.

איך וועל אייך ברענגען דעם הייליגן לשון וואס סאטמאר רבי זכותו יגן עלינו שרייבט דארט, און דערנאך צולייגן אפאר אינטערעסאנטע שטריכן וואס איך האב געטראכט:

וזה לשונו הקדוש: **בליקוטי מוהר"ן מברסלב במשלים שלו סימן ד' האריך בזה מה שיהיה בעיקבא דמשיחא, ותמצית דבריו בקיצור על פי משל במלך שהלך בדרך ופתאום ירד מטר גדול ממש מבול מים וכל שרי המלוכה נתפזרו אחד לאחד, והמלך היה בסכנה גדולה וניצל רק על ידי איש כפרי, כמו כן יהיה בעיקבתא דמשיחא שיהיה מבול לא של מים אלא של אפיקורסות, ויכנס בלב הכשרים שבישראל ולא יכלו ליתן עצה, וכל שרי המלוכה נתפזרו ולא יתחזק מלכות שמים אלא עם פשוטי עם שאומרים תהילים בפשיטות.**

א. וואס איז אינטרעסאנט אויף דעם שטיקל אליין, ווייל ער הייבט אן מיט די ווערטער 'בליקוטי מוהר"ן' און ער איז ממשיך ב'משלים' שלו סימן ד', וואס דאס איז די ספר כוכבי אור, די משל ווערט נישט געברענגט אין ספר ליקוטי מוהר"ן נאר אין ספר כוכבי אור מיטן נאמען 'מעשה ממטר'.

ב. אינעם זעלבן שטיקל שרייבט דער סאטמאר רבי ז"ל ווייטער: **וכתב עוד בשיחות הר"ן סימן ל"ה שהולך ונמשך אפיקורסת גדול בעוונותינו הרבים בעולם, אשרי מי שיחזק עצמו באמונה בעיתים הללו, ואמר אף על פי כן שאינו מועיל כלל מה שהוא מספר זאת כי אף על פי שהוא אומר אף על פי כן מתגברת האפיקורסות והבלבולים, כי הלא דניאל וכיוצא הודיעו מקודם: שקודם שיבא משיח יתבררו ויתלבנו ויצרפו רבים והרשיעו רשעים והמשכילים יבינו, ואם כן מאחר שהודיע מקודם שזה יהיה נסיון קודם ביאת משיח, היה ראוי שכל אחד ישכל ויחוס על עצמו לישאר חזק באמנתו, ולא יהיה עוד שום נסיון וצירוף כלל מאחר שכבר הודיע זאת מקודם, אף על פי כן יהיה נסיון גדול ורבים ירשיעו, אך אף על פי כן אני מודיע זאת מקודם בשביל אותן המעט הכשרים שיחזקו עצמם באמונתן, ובודאי יהיה להם מלחמות גדולות בדעתם למען יהיה להם למשיב נפש והתחזקות והתאמצות יותר כשיראו שכבר דיברו מזה מקודם, יעיין שם.**

**וכתב עוד בשיחות הר"ן סימן ר"כ שיהיה אפיקורסות בעולם כי מלמעלה יבוא אפיקורסות בעולם בשביל נסיון, והיה מתאנח מאוד על זה ואמר:**

**אוי! איך יוכלו לעמוד אנשים מועטים נגד כל העולם.**

און ער פירט אויס: **וזה ענין של רוח הקודש שראה מה הגיע אלינו בעקבא דמשיחא.**

דער רבי ז"ל ברענגט דא אראפ דריי שטיקלעך פון שיחות (אין אידיש שמועסן) נישט קיין תורה'ס פון ספר ליקוטי מוהר"ן, נאר שיחות וואס רבי נתן ז"ל האט געשריבן, און נאכדעם פון ספר כוכבי אור וואס נאך שפעטערדיגע ברסלב'ע תלמידים האבן געשריבן.

איך האב אביסל מאריך געווען, ווייל עס איז עפעס געווען ביי מיר וואס האט מיר זייער ווי' געטון, עס פלעגן אלעמאל קומען צו מיר די אידן מיט די ברסלב'ע קונטרסים, איך האב זיי אלעמאל אויפגענומען בסבר פנים יפות, ווי אלע סאטמאר'ע אידן וואס ווייסן אז דער רבי ז"ל האט געהאט א שטארקע הערצה צום ברסלב'ן רבי'ן.

יעצט לעצטענס האב איך גערעדט מיט מיין בחור'ל, דערציילט ער מיר אז די ברסלב'ע זענען געווען דא ביי אונז מיט זייערע ספרים, ער האט געשריבן אויף זיי און ציריסן די ספרים רחמנא לצלן, עס האט מיר זייער ווי געטון, איך האב געשריגן אויף אים: ווי האסטו דאס געלערנט? ווי קומט דאס אז א איד זאל צורייסן א ספר? ער האט זיך דערשראקן, ער האט זיך אנגעהויבן צו פארענפערן אז דער מנהל אין ישיבה האט זייער גערעדט קעגן ברסלב, נאך מער, דער מנהל האט געזאגט אין א דרשה פאר די בחורים אז ער אליין האט געהערט מפה קדשו פון רבין ז"ל אז מען טאר נישט אריינקוקן אין די ברסלב'ע ספרים, עס האט מיר זייער פארדראסן, איך האב ארויסגענומען ספר ויואל משה פון שאנק און געוויזן מיין זון דעם אויבנדערמאנטע שטיקל.

איך זאג אים: קוק אריין אין דעם איין קליינעם שטיקל, קוק ווי דער רבי ברענגט אראפ דא אין דעם שטיקל דריי באזונדערע שטיקלעך פון ברסלב'ע ספרים, ווי אזוי קען זיין אז מען זאל זאגן אז דער רבי איז געווען קעגן לערנען ברסלב'ע ספרים, 'היאך יכול החי להכחיש את החי' ווי אזוי קען מען זאגן קעגן א זאך וואס ווערט געברענגט שווארץ אויף ווייס אין רבינ'ס ספר? איך בין נאך אריין מער דערין, איך האב אים געזאגט בדרך צחות א ליטווישע כאפ... איך זאג אים: דער רבי ענדיגט צו דעם שטיקל מיט די ווערטער 'עיין שם' וואס טייטש 'קוק דארט אריין'... נו ווי קען מען זאגן פארקערט ווען דער רבי אליין שרייבט 'עיין שם'...

נאך מער דער רבי שרייבט אין די הקדמה פון ספר הקדוש על הגאולה: אז עס דרייען זיך ארום שקרים וכזבים וואס מען זאגט נאך אין זיין נאמען, ער בעט דארט ברחמים מען זאל נישט אננעמען קיין שום מימרא בשמו, נאר וואס ער האט אליין געשריבן בדם לבבו אין זיינע הייליגע ספרים עיי"ש

עס בלייבט נאר איבער צו בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל שוין זוכה זיין צו ווערן אויסגעלייזט פון דעם גלות וואס מיר געפינען זיך, ווען אידן צווישן אונז קענען רעדן אויף ערליכע אידן פונעם פריערדיגן דור אן קיין בושה דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

**א באהאלטענע ברסלב'ע חסיד**

## פאזיטיווע קאמענטארן

לכבוד די חשוב'ע געטרייע מערכת פון "קרית ברסלב בלעטל", יישר כח פאר אייער הערליכע אויסגאבע, מלא וגדוש מיט ערליכע און געשמאקע חומר, בלאט נאך בלאט, כה יתן ה' וכה יוסיף.

אינעם ארטיקל "דער סוד פון פעטער הערשא'ס עשירות" ביים "צום פינטל" אפטיילונג שרייבט דער שרייבער בתוך דבריו: "ווילסט צוזאמען אויסרעכענען וויפיל מצוות ער האט מיטגענומען פון נעגל וואסער אליין?" האב איך געוואלט מיטטיילן אז עס איז דא א ספר מיט'ן נאמען "ישראל מלאים מצוות" ארויסגעגעבן דורך הרה"ח ר' יצחק לעווי ע"ה פון קרית יואל, ווי ער ברענגט ביי יעדע מצוה וואס מען טוט דורכ'ן טאג, ווי אויך די מצוות פון שבת און יום טוב, וויפיל מצוות מען איז מקיים ביי יעדע מצוה, וויפיל מצוות עס זענען נכלל אין יעדע מצוה; איך האב נישט דעם ספר ביי די האנט, אבער איך געדענק אז די מצוות וואס מען איז מקיים ביים זיך אפגיסן נעגל וואסער גרייכט אין די דאבל-

דידזשיטס, וואס דאס געבט א שטארקע שטופ אנהויב טאג צו זיין בשמחה במשכ'ן טאג אז מען הויבט אן דעם טאג מיט אזויפיל מצוות, בלויז ביים אויפשטיין אליינס.

* * *

ביים "היכל הקודש נייעס" אפטיילונג ברענגט איר א נייעס אונטערן קעפל "גאב"ד ירושלים טענה'ט זיך אויס מיט'ן אייבערשטן", איבער די "מעשה פון תפילה" פונעם גאב"ד ירושלים זצ"ל אז ער איז געבליבן מיט די בארד און פאות כאטש ער איז דורך די שווערע באהאנדלונגען קעגן יענע מחלה לא עלינו, וואס איינע פון די תוצאות דערפון איז אז די האר פאלט לא עלינו ארויס.

קודם כל איז כדאי אנצומערקן אז דער אויסדרוק און דער מושג "טענה'עט זיך אויס מיט'ן אייבערשטן" - קומט פון א תורה אין לקוטי מוהר"ן, אין חלק א' סימן קכד, וואו דער רבי זאגט אז ווען א מענטש רעדט צום אייבערשטן מיט טענות און בקשות, דאס הייסט ער וויל כביכול מנצח זיין דעם אייבערשטן, האט דער אייבערשטער א פארגעניגן פון דעם און ער לייגט אים אריין ווערטער אין מויל ער זאל אים קענען מנצח זיין כביכול, ווייל דער אייבערשטער האט א תענוג פון דעם, עיין שם.

מיר וועלן ציטירן דעם תורה פון א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א, ווי אזוי דער ראש ישיבה שמועסט דאס אזוי שיין אויס:

דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן ע): "היתכן מיר לאזן דעם אייבערשטן מאכן גזירות אויף אידן, ווייל ווען א מענטש רעדט זיך אויס זיין הארץ פארן אייבערשטן לאזט דער אייבערשטער אלעס אפ כביכול, און הערט אויס דעם מענטש, און ער מאכט נישט קיין גזירות אויף דער וועלט".

א פחד פון א ווארט; א מענטש האט א כח אפצוהאלטן אלע גזירות וואס קומען אויף דער וועלט. דערפאר לאמיר אנהייבן פאלגן דעם רבי'ן און מאכן התבודדות, ווארט נישט ווען דו וועסט האבן א גאנצע שעה, נאר כאפ יעצט ארויס א ווארט, א קרעכץ; בעט פאר דיר און בעט פאר אלע אידישע קינדער. מען דארף אסאך בעטן פאר אידן, ווייל אידישע קינדער האבן זייער אסאך צרות, און מיר קענען דאס אוועק נעמען מיט אונזערע תפילות.

... קומט צו מיר צו א אינגערמאן און הייבט אן וויינען, און זאגט מיר אז מען האט אויסגעפונען אז זיין ווייב תחי' האט נעבעך די ביטערע מחלה ל"ע; מיר קענען איר געבן א רפואה שלימה, און מיר דארפן וויינען צום אייבערשטן אז אידישע קינדער דארפן זיין געזונט; מיר דארפן טענה'ען מיטן אייבערשטן: "רבונו של עולם, האב רחמנות אויף דיינע קינדערלעך; וויפיל אידן ליגן אין שפיטאל מיט ביטערע מחלות, וויפיל אידן מוטשען זיך צו קענען ברענגען פרנסה; הייליגע באשעפער, האב רחמנות אויף אלע אידן און לייז אונז אויס פון גלות; שיק אונז שוין משיח צדקינו".

דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן קכד) אויף דעם וואס חז"ל דרש'ענען (פסחים קיט.) אויפן פסוק (תהלים ד, א): "שִׁיר מִזְמוֹר לַמְנַצֵּחַ - זַמְּרוּ לְמִי שֶׁמְּנַצְּחִין אוֹתוֹ וְשָׂמֵחַ", כִּי כְּשֶׁמְּדַבֵּר לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וּמְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בִּטְעָנוֹת וּבַקָּשׁוֹת, רוֹצֶה לְנַצֵּחַ אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כִּבְיָכוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֵשׁ לוֹ תַּעֲנוּג מִזֶּה, עַל כֵּן שׁוֹלֵחַ לוֹ דִּבּוּרִים שֶׁיּוּכַל לְנַצֵּחַ אוֹתוֹ כִּבְיָכוֹל, כְּדֵי לְקַבֵּל הַתַּעֲנוּג, כִּי בְּלֹא זֶה בְּוַדַּאי לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לְבָשָׂר וָדָם לְנַצֵּחַ אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אַךְ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַצְמוֹ שׁוֹלֵחַ וּמַזְמִין לוֹ דִּבּוּרִים וּטְעָנוֹת לְנַצֵּחַ אוֹתוֹ, דער אייבערשטער האט ליב ווען מען טענה'עט זיך מיט אים און מען איז אים מנצח, און דער אייבערשטער שיקט אריין גוטע ווערטער פאר'ן מענטש וואס ער זאל קענען טענה'ען מיט אים.

ווי אויך ברענגט דאס דער ראש ישיבה שליט"א כסדר אין די בריוון, צום ביישפיל, אין א בריוו מוצאי שבת געצייילטע שעה פאר'ן אנהויבן סליחות:

מיר גייען שוין באלד זאגן סליחות ביי חצות הלילה, דארפן מיר געדענקען וואס דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן ע): "היתכן מיר לאזן דעם אייבערשטן מאכן גזירות אויף אידישע קינדער, ווען מיר וואלטן מער געבעטן פאר אידישע קינדער, וואלטן אלע גזירות בטל געווארן"; מען דארף בעטן דעם אייבערשטן סיי פאר זיך און סיי פאר אלע אידן, מען דארף טענה'ען מיטן אייבערשטן ער זאל

רחמנות האבן אויף זיינע קינדער. וויפיל אידן ליידן נעבעך ביטערע מחלות, וויפיל אידישע פארפעלקער ווארטן אויף קינדער, וויפיל בחורים און מיידלעך ווארטן אויף זייער שידוך, וויפיל אידן דארפן פרנסה, מיר קענען העלפן אלע אידן דורכדעם וואס מיר וועלן מתפלל זיין פאר זיי.

ווי אויך ברענגט דער ראש ישיבה שליט"א כסדר אין די בריוון אז א בחור דארף זיך טענה'ען מיט'ן אייבערשטן ער זאל אים ברענגען זיין שידוך.

אזוי אויך ווערט דאס דערמאנט אין שבחי הר"ן (סימנים י-יא), אין שיחות הר"ן סימן סח, ווי דער רבי זאגט: שֶׁכָּל אָדָם יְדַבֵּר וְיָשִׂיחַ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וִיַישֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב מַה הוּא עוֹשֶׂה בָּעוֹלָם הַזֶּה. וִירַחֵם עַל עַצְמוֹ וְיִפְרֹשׂ כַּפָּיו בְּתַחֲנוּנִים וּפִיּוּסִים לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּזַכֵּהוּ בְּרַחֲמָיו הַמְּרֻבִּים לְהִתְקָרֵב לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְיִשְׁתַּדֵּל לְהַמְצִיא לוֹ טְעָנוֹת וּבַקָּשׁוֹת עַל זֶה. וְעִנְיַן שִׂיחָה זוֹ יִהְיֶה בִּלְשׁוֹן שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ", אזוי אויך ברענגט רבי נתן אין חיי מוהר"ן (סימן קנא): "וְאָז בְּמוֹצָאֵי יוֹם כִּפּוּר אָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁבְּאוֹתוֹ יוֹם-כִּפּוּר רָצָה לִפְעֹל דָּבָר אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ' וְהָיוּ לוֹ כַּמָּה טְעָנוֹת עַל זֶה שֶׁאִלּוּ הָיוּ נִכְתָּבִים הָיוּ נִכְתָּבִים כַּמָּה בּוֹגִין [גִּלְיוֹנוֹת]"; ועוד.

על כל פנים, האב איך זיך דערמאנט פון א מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט מיט עטליכע יאר צוריק, איבער דעם זעלבן ענין, וואס לערנט אונז די גרויסע כח התפילה אין סיי וועלכע אומשטענדן.

אזוי דערציילט דער באקאנטער גאון און מגיד, הרה"ג ר' יצחק זילבערשטיין שליט"א, אין איינע פון די טעג פון סוף יאר תשס"א איז געקומען א אינגערמאן צום שטוב פון זיין שוואגער להבחל"ח הרה"ג ר' חיים קנייבסקי זצ"ל אין באגלייטונג פון א זיבן יעריג אינגעלע, און האט דערציילט פאר הגאון ר' חיים דאס פאלגנדע:

דער קינד וואס גייט שוין אין חדר איז לא עלינו קראנק געווארן מיט די ביטערע מחלה, ביי א געוויסע שטאפל, ווען עס איז שוין געווען קלאר אז דאס קינד וועט דארף אנהויבן דורכגיין באהאנדלונגען פאר די מחלה וואס וועט ברענגען אז זיין האר זאל ארויספאלן - האבן די עלטערן דאס איבערגעגעבן פאר'ן קינד.

דער קינד האט דאס געהערט און נישט צופיל קאמענטירט דערויף, אבער נאך א שטיק צייט האט ער אויסגעבראכן אין א ביטערע געוויין, ער האט געזאגט פאר זיינע עלטערן מיט זארג: "אז די האר פון מיין קאפ וועט ארויספאלן זארג איך זיך נישט אזוי, עס גייט מיר נישט אן, אבער ווי אזוי ווייל איך ווייטער קענען אנגערופן ווערן מיט'ן טיטל 'א אידיש קינד' אן קיין פיאות...?" האט דער קינד געיאמערט, און וויפיל מען האט פרובירט אים צו בארואיגן - האט זיך עס נישט איינגעגעבן, דער קינד איז פאר'עקשנ'ט, ער וויל בלייבן מיט זיין צלם אלקים, מיט זיין אידישע צורה, ביז ער האט זיך דערמאנט פון אן עצה וואס וועט אים העלפן אין זיין קלעם.

"דער קינד", געבט איבער דער טאטע פאר הגאון רבי חיים: "פון יענע מינוט וואס ער האט געהערט וואס עס גייט אריבערגיין אויף אים האט ער אנגעהויבן צו בעטן דעם אייבערשטן, ער האט געבעטן 'הייליגער באשעפער, רחמנות'דיגער באשעפער, איך בין זיכער אז אלעס וואס דו טוסט מיט מיר - איז פאר מיין גוטס, איך בין זיכער אין דעם, קיינער האט נישט אזוי רחמנות אויף מיר - ווי דו הייליגער באשעפער, אזוי האט מען מיר געלערנט אין חדר, דעריבער בין איך מקבל באהבה די מחלה וואס דו האסט מיר געברענגט און איך בין גרייט אריבערצוגיין די טריטמענטס, ווייל איך בין פארזיכערט אין דיר אז דו וועסט מיר נישט פארלאזן, דו וועסט זיין מיט מיר, דו וועסט מיר באגלייטן דורכאויס און היטן אויף מיר. איך בין גרייט מיינע האר זאלן ארויספאלן צוליב די באהאנדלונגען, אפילו איך וועל זיך שעמען מיט מיין אויסקוק, איך בין גרייט אויף דעם, אבער - - - די פיאות?! הייליגער באשעפער, האט דאס קינד גע'בוכה'ט מיט א ביטער געוויין, ווי אזוי קען איך מוותר זיין אויף דעם?! דאס איז דאך די צורה פון א איד, איך בעט זיך ביי דיר, **טאטע זיסער, טאטע אין הימל, העלף אז מיין פיאות זאל נישט ארויספאלן!** אפילו איך גיי דורך די באהאנדלונגען זאל מיין פיאות נישט ארויספאלן',

אזוי האט דער קינד געבעטן דעם אייבערשטן און מיר עלטערן זענען געשטאנען אין די זייט און מיט געוויינט".

און יעצט, צייגט דער טאטע פאר הגאון רבי חיים, די געוואלדיגע נס האט פאסירט, "איך האב געברענגט דאס קינד אים צו וויזן פאר'ן רב, דער רב זאל זען די וואונדער וואס דער אייבערשטער האט געמאכט, דער הייליגער באשעפער האט צוגעהערט די תפילות פון די ריינע הערצלעך פונעם קינד, **זיין האר איז ארויסגעפאלן אבער די האר פון די פאות איז געבליבן!"**

דער טאטע האט וויטער דערציילט איבערגענומענערהייט ווי די דאקטורים האבן דאס ממש נישט געקענט גלייבן, זיי האבן זיך אויסגעדרוקט אז זיי געדענקען נישט אזא זאך אין די פארגאנגענהייט.

**דער גאון רבי חיים איז געווארן זייער איבערגענומען פון די מעשה, און ער האט ארייגערופן די רעביצין זאל קומען זען דאס קינד, זען די וואונדערליכע מעשה פון תפילה.**

איך וועל צוענדיגן מיט א שטארקע שורה פון עצתו אמונה פון עטליכע יאר צוריק וואס איז מיר אריין אין די ביינער, ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט:

**"תפילה איז אזוי שטארק, אזוי גרויס און אזוי וואונדערליך, עס העלפט אויף אלעס, מען דארף נאר האבן אסאך סבלנות, אסאך געדולד אויסצוווארטן ביז די ישועה קומט"**

* * *

אזוי ווי דעם פארלאפענעם שבת הערל"ט האט מען געבענטשט ראש חודש אלול, און דער ראש ישיבה שליט"א האט אונז געשריבן אינעם מכתב יומי פון ערב שבת:

"די וואך שבת בענטשט מען ראש חודש אלול. דער הייליגער מנחת אלעזר זכותו יגן עלינו פלעגט צולייגן ביים בענטשן ראש חודש אלול, ביי יחדשהו, די ווערטער: **'ולתשובה שלימה'**, אז מיר זאלן זוכה זיין דעם חודש תשובה צו טון, אלעס פאררעכטן פאר עס קומט דער גרויסער יום הדין".

האב איך געוואלט מיטטיילן מיט די חשוב'ע לייענער פונעם בלעטל א בילד וואס דער ראש ישיבה האט מיר געשיקט פון זיין ספר "דרכי חיים ושלום" מנהגים פון הייליגן מונקאטשער רב זכותו יגן עלינו, וואו דער ראש ישיבה האט אנגעצייכנט **"וכן אני נוהג"**, בייגעלייגט איז דער בילד.


תעו. בנוסח ראש חודש יהיה וכו', אמר בברכת חודש חשון "ראש חודש מרחשון", ובשנה מעוברת אמר לפני אדר א' "ראש חודש אדר ראשון", ולאדר ב' "ראש חודש אדר שני", ולחודש אב "ראש חודש מנחם אב".

'ולתשובה שלימה'

וכשמברכין אלול הוסיף (בנוסח יחדשהו קודם ולגאולה קרובה לזמר ולומר) "ולתשובה שלימה" (ואם אבן הוא נימוח ונמס כדונג לב כל השומעים מפורש יוצא מפי קדשו אז בהתעוררות ובכיות השני תיבות "ולתשובה שלימה" ואחר כך ולגאולה קרובה ונאמר אמן, אשר רגיל על לשונו הטהור לאמר זאת ביתר עוז בכל עת שמברכין החודש בקול אדיר ורגש נפלא).



אי אמירת 'יהי רצון' על חטא הידוע

תעז. היהי רצון שנדפס בסידורין בשבת שמברכין החודש אצל "מי שעשה

אגב, מען זעט אז דער הייליגער מונקאטשער רב זכותו יגן עלינו האט געהאט א שטארקע געפיל אין הייליגן רבי'ן און אין זיינע ספרים, אזוי ווי מען זעט אז ער הויבט אן זיין חיבור "דברי תורה" מיט'ן נאכברענגען א שטיקל פון שיחות הר"ן.

* * *

עס איז צום באוואונדערן ווי אזוי די מערכת האט פארשאפט אזא הערליכער בילד פון הרה"ק דער רבי זכותו יגן עלינו מסאטמאר, נאר זעט זיך אויס בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו, דער ראש ישיבה שליט"א האלט דאך אין איין רעדן און אריינבאקן אין אונז און אין אונזערע קינדער אז אידישקייט איז שיין, תורה ומצוות איז זיס, צדיקים זענען פרייליך, די ערליכע אידן האבן א לעבן, אזוי ווי דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט איבער דעם נושא ביי די באטע דעם פארגאנגענעם פרייטאג צו נאכטס, אויסטייטשנדיג דעם פסוק (דברים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ, כִּי אִם לְיִרְאָה", און די מאמר חז"ל אויף דעם (ברכות לג:) "לְגַבֵּי מֹשֶׁה מִילְּתָא זוּטַרְתָּא הִיא", לויטן חסידישן טייטש אין ספר הקודש דגל מחנה אפרים, עיי"ש, און אזוי אויך ביי מלוה מלכה; ממילא היינו דאהני לי' צו פארשאפן אזא ליכטיגע פרייליכע ליבליכע בילד, ודו"ק.

איך האב נאר געוואלט צולייגן עטליכע ציטאטן איבער'ן רבי'ן זכותו יגן עלינו מסאטמער, וואס דער

ראש ישיבה ברענגט אין די בריוו לרגל די יומא דהילולא וואס געפאלט דעם דינסטאג, זכותו יגן עלינו.

דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו פאר די מנהלת פון בית פיגא:

זייער גוט האט איר געטון אז איר האט גענומען די מיידלעך די וואך קיין קרית יואל צום ציון פון הייליגן סאטמארער רבי זי"ע זיי זאלן דארט מתפלל זיין; הגם עס זענען דא וואס זאגן אז פרויען זאלן נישט גיין אויף א בית החיים וכו', דאס איז סתם אזוי ווען מען גייט צו א בית החיים - איז נישט כדאי אז פרויען זאלן גיין, אבער צו קברי צדיקים איז נישט קיין שום פראבלעם. אדרבה, וואויל איז פאר א פרוי וואס קען גיין צו א ציון פון א צדיק; צו א ציון פון א צדיק קען מען גיין אלעמאל נישט קיין חילוק אין וואסערע זמנים וכו'.

דעריבער פריי איך מיר אז איר האט זיי גענומען צו קברי צדיקים; דאס איז אונזער זאך - מחנך זיין קינדער מיט אמונת חכמים, זיי זאלן אויפוואקסן מיט תפילה, זיי זאלן אלעמאל וויסן אז אויב זיי וועלן דארפן א ישועה זאלן זיי גיין צו קברי צדיקים מתפלל זיין. דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכַךְ"; דערפאר איז א גרויסע זאך צו גיין מתפלל זיין ביי קברי צדיקים, ווייל דארט איז א פלאץ וואס די תפילות גייען ארויף אין הימל, אפילו ווען דער מענטש איז נישט ראוי.

אין א צווייטע בריוו שרייבט דער ראש ישיבה:

א ברסלב'ער חסיד האט מיר דערציילט אז לעצטנס איז ער זייער גערדרוקט; ער האט א ביזנעס וואס ברענגט אים אריין שיין פרנסה אבער די לעצטע פאר חדשים איז אלעס זייער שוואך און ער האט ממש נישט קיין ארבעט, עס קאסט אים ארבעטערס און ער האט נישט פון וואו זיי צו באצאלן.

דער איד וואוינט אין קרית יואל, דערציילט ער מיר אז פאריגע וואך איין פארנאכט'ס ווען ער האט געשפירט ווי ער קען נישט מער איז ער ארויף געגאנגען צום ציון פון סאטמאר'ער רבי זכותו יגן עלינו וואו ער האט זיך אויסגעגאסן זיין הארץ צום אייבערשטן; ער האט געזאגט פאר'ן אייבערשטן אז ער שפירט ווי ער קען נישט מער וכו'. דערציילט ער מיר אז אויפן וועג אראפ פון בית החיים באקומט ער א טעלעפאן רוף פון א איד וואס זאגט אים ער זאל אריבער קומען צו אים, ער וויל אים באצאלן אן אלטן חוב פון פינף טויזנט דאללער... ער זאגט מיר: "איך האב זיך שוין לאנג מייאש געווען פון דעם חוב"; זעט מען וואס תפילה איז.

ווי אויך ברענגט דער ראש ישיבה א מעשה פלא מיט מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וואס געבט שטארקע חיזוק לעובדא ולמעשה:

אין די תקופה ווען מוהרא"ש האט נישט געקענט זיין אין ארץ ישראל, ווייל די ערב רב האבן אים געוואלט איינזעצן אין תפיסה איז מוהרא"ש אמאל געווען אין קרית יואל ביים ציון פון הרב הקדוש מסאטמער זכותו יגן עלינו וואו ער האט זייער געוויינט אויף דעם וואס ער האט אזויפיל רדיפות וכו', שפעטער ביינאכט האט זיך מוהרא"ש גע'חלומ'ט ווי ער שטייט פאר'ן רבי'ן פון סאטמער זי"ע און פארציילט אים פון זיינע רדיפות, און דער רבי זי"ע האט אים געזאגט: "**דאס דארף דיר מחזק זיין, אז דו זעסט ווי שווער עס גייט דיר יעדע זאך איז דאס א סימן אז דו ביסט פון די קדושה. ווען עס וואלט דיר אלעס געגאנגען גרינגערהייט וואלט מען געקענט טראכטן אויף דיר אז דו ביסט נישט פון די קדושה**"; מוהרא"ש האט זיך אויפגעוועקט און זיך זייער מחזק געווען. פארשטייט פון דעם רמזים ווי אזוי דו זאלסט זיך מחזק זיין.

אזוי איז נאך דא פיל כהנה וכהנה וואס דער ראש ישיבה שליט"א רעדט אלץ און שרייבט פאר די תלמידים איבער דעם רבי'ן זכותו יגן עלינו מסאטמאר, בפרט פאר די תלמידים פון קרית יואל, אז מען זאל משתדל זיין צו גיין יעדן טאג צו זיין הייליגן ציון.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט ווייטער קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש.

**יואל שניטצלער קרית ברסלב ליבערטי**

## צום פינטל

# ביטע נישט לייענען דעם ארטיקל

טייערע חברים, טייערע לייענער פונעם פאפולערער 'קרית ברסלב בלעטל', איך האב צו אייך א בקשה די וואך, איך ווייס ווי שווער עס וועט אייך זיין, איך ווייס ווי שטארק איר קוקט ארויס און ווארט שוין א גאנצע וואך צו קענען לייענען די הערליכע ארטיקלען ביים אפטיילונג 'צום פינטל' מיט דעם אלעם בעט איך אייך ביטע זאגט מיר נישט אפ.

איך וויל בעטן א טובה, די וואך זאלט איר נישט לייענען די ארטיקל, איך דארף שרייבן ווייל איך בין א שרייבער, אבער איר דארפט דערפאר נישט לייענען, איך פארשטיי אז עס ציעט אייך צו לייענען, אבער מיט דעם אלעם וויל איך זייער שטארק אז דעם יעצטיגן ארטיקל זאל מען נישט לייענען.

שוין! איך זע אז עס שווער אנצונעמען מיינע ווערטער, איך זע אז איר לייענט ווייטער מיט דורשט יעדעס ווארט, אבער מיט דעם אלעם, מ'קען דאך אנפאנגען 'פון יעצט', אפשר פון יעצט קענט איר צומאכן דעם מאגאזין און אויפהערן לייענען, אדער - ווייסט איר וואס - איר דארפט נישט צומאכן דעם בלעטל, איר קענט פשוט אריבערמישן דעם בלאט און לייענען די נייעס, די מעשיות פון תפילה, א סעודה מיט'ן ראש ישיבה, נאך וועמען הייס איך, עס איז דא גענוג וואס צו לייענען, איז ביטע אויב מעגליך, פראבירט זיך אנצושטערענגען און איבערהיפן די וואך דעם ארטיקל, איר קענט לייענען אנדערע ארטיקלען אינעם בלעטל, איר וועט זיך מחיה זיין.

איך זע אז בעטן העלפט נישט! אבער איך וועל אייך זאגן דעם אמת, איך האב נישט קיין טענות צו אייך, איך וואלט אויך נישט אנדערש געהאנדלט ווען איך האב אזא זאפטיגע ארטיקל, איך וואלט מיך אויך נישט צוטון געמאכט אז דער שרייבער בעט זיך מען זאל נישט לייענען זיין ארטיקל, קודם כל ער בעט דאך נאר, עס איז נישט ווי א באפעל, און צווייטענס אפילו ער וואלט געווארנט און געסטראשעט מען זאל עס נישט לייענען, נו... וואס האב איך מיט אים? ער איז עפעס מיין רבי? מיין מורה דרך? איך בין אים מחויב צו פאלגן, דאס אלעס זאג איך ווייל איך זע ווי איר לייענט און איר קענט נישט פועל'ן ביי זיך עס אראפצולייגן, שרייב איך פאר אייך אז איך בין אייך מלמד זכות, אבער איך וואלט נאך אלס געוואלט אויב מעגליך, און אפילו אויב נישט מעגליך, 'אדם אוסר את שלו' א מענטש קען ארויפלייגן א איסור אויף זיין זאך, עס איז נישט גערעכט אז ממש איר רעכנט זיך קיין כי הוא זה נישט מיט מיר.

אבער דער אמת איז, וואס דארף איך גיין מיט בייזן און זיך צוקריגן מיט אייך, לאמיר פראבירן בדרכי נועם, אפשר קענען מיר איינגיין אויף עפעס א דיעל, אויב איר



הערט יעצט אויף צו ליינען דעם ארטיקל, הער איך יעצט אויף צו שרייבן, אבער דאס וועט נאר ארבעטן אז איר מאכט שוין צו - פאר א גוט יאר - דעם ארטיקל, איר לייגט אראפ דעם מאגאזין, און איך לייג אראפ דעם פעדער און שלום על ישראל, איך שרייב נישט, און איר ליינט נישט... נו? א דיעל איז א דיעל?

איך זע אז איר געבט נאך אלס נישט נאך, איר קומט מיט מיט מיר און איר ליינט ווייטער, איך וועל אייך זאגן, איך פון מיין זייט בין גרייט געוועון זיך צו האלטן צום אפמאך, מיר איז אויך שווער - און נאך פיל שווערער ווי עס איז פאר אייך - אראפצולייגן די פענע אזוי אינמיטן שוואונג פונעם ארטיקל, און... אויפהערן שרייבן, מיט דעם אלעס האב איך געהאט בדעה זיך אפצושטעלן, אבער אז איך זע אז איר האלט זיך סיי ווי נישט צום אפמאך, וועל איך אויך ברעכן דעם אפמאך, איך וועל מיטן אייבערשטנ'ס הילף ווייטער שרייבן.

איר קענט שוין טון ווי אזוי איר פארשטייט, איך האב נאר געבעטן א בקשה, איך שפיר אז ווי מער איך גיי אריין אינעם ארטיקל, פיל איך מיך ממש געטשעפעט! וואס בעט איך שוין, איינמאל אין לעבן בעט איך א טובה, און דאס קען מען מיר אויך נישט טון, איך שטרענג מיך אן, איך שרייב דאך יעדע וואך, איך טו אייך א טובה איך שטעל אייך צו ליין מאטריאל, און איר קענט מיר דאס ביסל נישט צוליב טון?

איך האב אייך געזאגט אין אנהייב אז עס לוינט נישט זיך נישט צו פאר'עקשן'ען און דווקא ליינען ווייטער, איך האב געוויסט אז עס קען ארויסקומען נישט גוטע זאכן, און קוק ווי מיר האלטן, עס האלט שוין ביי דעם אז מיר גייען זיך כמעט צוקריגן, נו פרעג איך אייך: לוינט זיך דען צו גיין קריגן און וויי טון א איד סתם ווייל מען וויל ליינען?

איך האב געמיינט אז יעצט נאך אזויפיל בקשות און תחנונים וועט איר זיך שוין אונטערגעבן אבער איך זע איין זאך, מיינע ווערטער פאלן אויף טויבע אויערן עס איז שוין בעסער נישט צו זאגן, דער רבי זאגט דאך מען זאל נאר רעדן צו איינעם וואס וויל הערן, 'כשם שמצוה לומר דבר הנשמע כך מצוה שלא לומר דבר שלא נשמע', אזוי אויך זעען מיר אין די גמרא אז עס איז דא אזא זאך ווי 'מוטב שיהיו שוגגים ואל יהיו מזידים'.

***

זייט מיר מוחל אויב איך בין געוועון אביסל שארף, אבער איך וועל מיך שוין נישט בעטן, איך מוז צוטרעטן צום ארטיקל, אז איך וועל מאכן צופיל הקדמות וועט מען נאך באלד שרייען העי! ס'איז צו לאנג, העי! ס'איז צו קורץ, העי! ס'איז צו שארף, העי! ס'איז צו שוואך.

די פראטאקאלן פון אן ארטיקל זענען זייער ענליך צו די פארשריפטן פון א צניעות'דיג קליידל (פוסטע בלע"ז), עס טאר נישט זיין צו לאנג... עס טאר נישט זיין צו קורץ... עס טאר נישט זיין שרייעדיג... עס מוז זיין איידל... און אז דו שטארצט זיך שוין אביסל ארויף דאס ארבעל, דו ווילסט געבן דעם וואס עס קומט, דאס וואס ער פארדינט זיך ערליך... קומט מען שוין מיט טענות, העי! וואס דארפטו דיך בויען אויף יענעם... ממש ווי ביי א קליידל... איין זאך יא, א קליידל טאר נישט זיין אויסגעשניטן, אבער א ארטיקל דארף מען האלטן און איין אויסשניידן, עס זאל זיין צו יעדעם איינעמ'ס געשמאק... און ביים האלז... האסט א גוט ווארט זאג, און אז דו האסט א נישט גוט ווארט שטיק דיך דערמיט.

דאס איז כוחות וואס א שרייבער דארף פארמאגן, דאס ביסל טינט וואס ער געבט שוין יא ארויס, ס'רוב בלייבט דאך אינעם פענע, אבער דאס ביסל וואס יא מוז זיין איידל באשיידן, געבן גערעכט די רעכטע, געבן געלינק די לינקע... על כל פנים... על כל פנים

***

די ברסלב'ער האבן א טעות מיט די ווארט מניעות, קענסט הערן ווי איינער רופט זיך אן:

היי יאר פאר איך נישט קיין
אומאן... וואס גייט פאר? און
יענער געט זיך אזא קרעכטץ,
הממ, מניעות! אדער: איך
קען נישט קומען צום שיעור
מער, וואס גייט פאר? הממ,
מניעות!

פיל מענטשן האבן גענומען
די ווארט מניעות פאר א
תירוץ אויף נישט צו טון
פארשידענע וויכטיגע זאכן
אין לעבן, וואס ווען מען
קוקט אריין אין רבי'נס ספרים
דארט ווי דער רבי רעדט פון
מניעות, זעט מען עפעס גאר
אן אנדערער באדייט.

קוקט אן אינטערעסאנטע
זאך, די היינטיגע ארטיקל איז
נישט קיין סאציאלע מידיע,
ווי דער שיקער קען זען
וויפיל אויגן האבן שוין געזען
זיין קליפ... מיט דעם אלעם,
זע איך שוין יעצט בשעת'ן
שרייבן, אז דער ארטיקל וועט
האבן פיל מער - ווי מען רופט
עס אויף ענגליש - וויוערס
(קוקער'ס), פולע ליינער
וואס פלעגן רעגלמעסיג
אריבערמישן אונזער 'צום
פינטל' האבן די וואך גענומען
די מי און מיט אלע כוחות זיך
אנגעשטרענגט עס צו ליינען.

ווען א שרייבער הייבט
אן זיין ארטיקל ער בעט זיך
'ביטע ליינט עס נישט' איז
דאס נישט מער ווי א וועג
אנצוציען די ליינער און די
נישט ליינער... אז זיי זאלן
וויסן, רבותי! שטיל! די וואך
מאכט נישט קיין גערודער,
איך מוז זען וואס אזוינס עס
גייט דא פאר, פארוואס וויל
ער נישט מען זאל ליינען דעם
ארטיקל.

מניעות איז א מתנה וואס
דער אייבערשטער האט
געגעבן פאר א מענטש, א
מענטש שלאפט איין פון גוטע
און פונדאמענטאלע זאכן,
אזעלכע וויכטיגע זאכן ווי גיין
צו א צדיק, מאכן א שידוך,
לעבן א לעבן פאר זיך נישט
פארן שכן, לערנען יעדן טאג,
רעדן אביסל צום אייבערשטן,
ועל כולם זיין אין אומאן אויף
ראש השנה, דער וועג ווי אזוי
דער אייבערשטער וועקט
אויף א מענטש, דא קומט
אריין די טערמין 'מניעות',
די מטרה פון מניעות איז אז
דער מענטש טרעפט זיך אין
א מצב וואס זאגט אים "גיי
נישט, לאז נאך, טו דאס נישט
ריכטיגע פאר דיין לעבן", און
ווען עס קומט די קלימאקס,
און דער מענטש כאפט זיך
ביים קאפ: אוי! געוואלד! דער
וויל דאך מיר אומגליקליך
מאכן מיין לעבן! דא קומען
ארויס באהאלטענע כוחות,
נקמה, נצחון, אזוי? דו ווילסט
מיך אוועקנעמען פון לעבן?
יעצט וועל איך דווקא...!

ווען צוויי מענטשן טענה'ן
זיך איבער פאליטיק, די
נייעס איז שוין אזוי
אלט עלטער פון
ביידן און
קעלטער פון טראמפ, עס
איז שוין לאנג צוגעגעסן,
מען טענה'ט זיך איבער א
טעלער אויסגעקילטע נייעס,
טראמפ ביידן ביידן טראמפ...
אבער אז ער איז אריין אין א
טענה'ריי מוז ער עס ענדיגן,
נצחון! דווקא! איך וועל ווייזן!

נצחון איז אזא שטארקע
זאך, אפילו א מענטש זאל
שוין איינזען אז ער גייט אויף
א קרומע וועג, ער פארט
בארג אראפ, די זאכן וואס ער
טוט איז ממש זעלבסטמארד,
מיט דעם אלעם זאגט דער
רבי: נצחון איז נישט סובל
קיין אמת, עס קומט אריין
אינעם מענטש: מיר וועסטו
נישט זאגן! מיר וועסטו נישט
איינטיילן! איך וועל דיר ווייזן!
אזא צייט גייט א מענטש
קאפ און וואנט אבי ער זאל
אויספירן.

ווען עס קומט צו גיין צו א
צדיק, ווען עס קומט צו פארן
קיין אומאן, ווען עס קומט
צו מאכן א שידוך אנהייבן א
לעבן, דארפסטו וויסן אז דיין
בוידעם... לאזט דיך נישט,
(יו נעם איט, איך רוף עס
בוידעם... אבער ביי דיר איז
עס ... און ... אדער גאר וכו'
און נאך ערגער ווען עס איז
גאר וכו') דארפסטו וויסן,
עס איז נישט בוידעם, עס
איז נישט פלוני עס איז נישט
דער, און נישט וכו'... עס איז
א ציקערל, דער אייבערשטער
אליין וויל דיך אריינלייגן אין
א נצחון מאו"ד.

עס איז נישט דער מענטש



וואס שפעט אז איך גיי צו א צדיק, אז איך גיי צו א שיעור, אז איך גיי קיין אומאן, עס איז דער סמ"ך מ"ם וואס שטייט אונטער דעם, און דער ס"מ ער איז א שליח פונעם אייבערשטן, אים האט דער אייבערשטער געשיקט כדי דיך אריינצולייגן אין א נקמה מאו"ד אין א נצחון מאו"ד.

איך בין אלט, מיואש, אויפגעגעבן, שוואך, קראנק, ווען פלוצלינג געבט זיך אין מיר א וועק אויף הימל'ישע כוחות, נצחון... א שרעקליכע פייער הייבט אן צו ברענען, אההה! דו ווילסט נישט איך זאל גיין צו א צדיק? אהההה! דו ווילסט נישט אז איך זאל מיך ווייקן אין ווערטער פון אמונה? אההה! דו ווילסט אז איך זאל נאכלאזן מיין שלום בית? אהההה! דו ביסט דאס? דו ביסט דער וואס וויל מיך אין דער ערד לייגן? דו ביסט דער וואס וויל אז איך זאל נישט חתונה האבן? אההה! דו ביסט דער וואס וויל נישט אז איך זאל זוכה זיין צו די גרעסטע תיקונים וואס איז נאר שייך, וואס דער רבי האט צוגעזאגט ווער עס קומט צו אים ראש השנה?

נו נו! נו נו! ווארט נאר ווארט! לאמיר זען ווער עס גייט אויספירן! ראה הזהרנוך! איך האב דיך געווארענט פאר דעם! נו נו! אוי וועל איך יונג, געזונט, אויפגעהייטערט ווערן! אוי וועל איך פארן! אוי וועל איך טון אלעס אין די וועלט אז דו זאלסט בלייבן א דורכפאל... מיך וועסטו נישט דיקטירן! פארשטאנען?

דאס איז דער גאנצע ענין פון מניעות, מניעות איז אין איין ווארט א זיס געפיל פון 'גבורה בשנצח' איך וועל מיך נישט לאזן שפייען אין די קאשע, איך וועל אויסהערן דאס וואס דו ווילסט אז איך זאל טון, און איך וועל אן קיין שכל, גיין קאפ אין וואנט צו טון דווקא דאס פארקערטע.

אבער גדענקט! נישט דיינע טייערע עלטערן, נישט דיין טייערע ווייב, נישט דיינע חברים, און נישט די אלע וואוילע מענטשן, נישט זיי זענען די וואס די גייסט יעצט מיט רציחה זיך ראטעווען פון זיי, דער סמך מם שטייט אונטער אלע דיינע שטערונגען, אלע דיינע מניעות. מיט מיינע עלטערן, מיט מיין ווייב, מיט מיינע קינדער וועל איך רעדן שיין, אבער מיטן סמך מם וואס שטעלט מיר אונטער די פיסלעך אים וועל איך צומאלן.

עפילאג! ערשטענס: ניצט נישט די ווארט מניעות אויף שוואך צו ווערן, ווייל איר פארדרייט דעם מכיוון פונעם ווארט מניעות, איר קענט ניצן אנדערע ווערטער, שוואכקייט, נאכגעלאזטקייט, ביטערניש. מניעות איז צו גובר זיין די חשק.

צווייטענס: קיינער שטעלט דיך נישט אונטער קיין מניעות, באקום נישט קיין געפיל פון ווייטאג און נאכדעם חס ושלום נקמה און נצחון אין דיינע געטרייע מענטשן, דיינע עלטערן, דיין ווייב, דיינע קינדער וכדומה, זיי זענען נישט די וואס ווילן דיר שוואך מאכן, דער סמך מם איז דער וואס טוט רייטן אויף דיינע ארומיגע.

לאמיר א תפילה טאן צו גאט: באשעפער העלף מיר לעבן בשלום, העלף מיך ארבעטן אויף מיינע שלעכטע מידות און נאטורן, העלף מיך איך זאל נישט ניצן מיינע שלעכטע בלוטן, מיינע נקמה געפילן, מיין רציחה געפילן נאר אנטקעגן דעם סמ"ך מ"ם וואס וויל מיך אוועקשלעפן פון מיין אמת'ע און אייביגע לעבן און העלף מיך מיט אלע אידן האבן רואיגע שיינע וועגן קיין אומאן און קענען פועל'ן אלעס פאר אלע אידן, און צוריקומען מיט זעק פון ישועות.

דו לייענסט נאך אלץ...? ס'פאסט נישט פאר דיר... שוין! איך האב דיר געבעטן דו זאלסט נישט לייענען... ווער ווייסט אפשר וועט דיר נאך דער ארטיקל ברענגען צו אומאן... שוין! דאס איז אויף דיין אייגענע אחריות...!



# שטעטל נייעס

## א נייע ארגאנעזאציע אין שטעטל



א נייע ארגענאזיציע האט זיך געעפענט אין די טעג נאך א פארלאנג פונעם ראש ישיבה וואס האט געבעטן א חשובער אינגערמאן אין שטעטל ר' משה עקשטיין הי"ו ער זאל זיך ארײנלייגן דערין און זען עס זאל זשוסטאנד קומען.

עס רעדט זיך פון א ארגענאזיציע פון גיין באזוכן אידישע קינדער וואס שמאכטן לא עלינו אין די תפיסות ארום אונז, און זיי קוקן ארויס גאר שטארק אויף באזוכער.

עס איז דא ארום אונז מער ווי איין תפיסה ווי עס זיצן אידישע קינדער, ס'איז דא מענטשן וואס האבן אסאך באזוכער צוליב דעם וואס ער האט משפחה און פריינד, אבער נאכדעם איז דא וואס האבן נישט צופיל משפחה און פריינד וואס זאלן קומען צו זיי, במילא קומט אויס אז עס קענען אדורך גיין א לאנגע צייט וואס זיי שמועסן נישט מיט קיין מענטשן, נאר זיי זעהן די ווענט פון די תפיסה פיר און צוואנציג שעה, און ער דארף זיך קענען אויסקומען מיט נידעריגע גוים וואס זיצן דארט צוזאמען מיט אים.

דערפאר האט דער ראש ישיבה געבעטן פון ר' משה הי"ו ער זאל זיך ארײנלייגן דערין ראשו ורובו, און דאס האט ער טאקע געטון, און ווי ר' משה גיבט איר גייט נישט אדורך א טאג וואס ער זאל נישט טוהן דערין, ער האט אנגעקניפט פארבינדונגען מיט אידן וואס טוהן שוין דערין א לענגערע צייט און ווייסן פונקטליך די מהלך פון יעדן תפיסה אינעם געגענט, ווען מען קען אהין גיין און וואס מען דארף אלס וויסן פאר מען גייט אהין.

מענטשן מיינען אז מען דארף זיך אנגרייטן וואס צו רעדן און איך האב דאך נישט וואס צו רעדן, במילא איז דאס נישט פאר מיר, אבער דער אמת איז אז די מענטשן דארפן נאר איינער זאל זיי אויסהערן און מיט דעם גייט אדורך די גאנצע וויזיט, דאס איז א געוואלדיגע מצוה וואס מען קען נישט באשרייבן.

צו גיין באזוכן רופט ר' משה עקשטיין הי"ו און ער וועט אויסארבעטן ווען און וואו איר זאלט גיין. אין זכות פון דעם זאלט איר קיינמאל נישט מיטמאכן די אלע שוועריקייטן.

## סיום הש"ס פון הילד נחמן נתן נרו יאיר א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א




גאר א רירענדע מעמד סיום הש"ס איז פארגעקומען ליל ששי פרשת עקב ווען הילד החשוב נחמן נתן נרו יאיר זון פונעם ראש ישיבה שליט"א האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס נאך אפאר יאר הארעווען און לערנען יעדן טאג בלעטער גמרא פון די אייגענע צייט, פאר אדער נאך חדר.

אלע קינדער פון אינגל קעמפ זענען זיך געקומען מיטפרייען מיט נחמן נתן'ס סיום הש"ס, קודם האט מען געזינגען שיינע תורה ניגונים פאר א שטיק צייט, דערנאך האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פונעם טאט'ן - דער ראש ישיבה שליט"א וואס האט גערעדט מלא התרגשות פונעם גרויסן זכי' וואס ער האט אז זיין זון נאך פאר די בר מצוה האט זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס, און דאס איז געווען די רצון פון הייליגן רבי'ן אז אלע זאל ענדיגן ש"ס און מיט דעם איז מען ממשיך אויף זיך א צלם אלקים, און מוהרא"ש האט טאקע אזוי איינגעפירט אין תלמוד תורה אז אלע אינגלעך זאלן ענדיגן ש"ס פאר די בר מצוה. א שיינע בריוו האט דער ראש ישיבה געשריבן אייצולאדענען דעם עולם צום סיום אט איז דער בריוו:

*איך וויל דיר איינלאדענען צו די סיום הש"ס פון מיין זון הילד נחמן נתן נרו יאיר היינט נאכט אום ניין אזייגער, וואס וועט פארקומען אינאיינעם מיט די וועכנטליכער ליל שישי שיעור אין ישיבה, אין שטעטל. די ווייבער שול וועט זיין אפן.*

*איך וואונטש דיר דו זאלסט אויך זוכה זיין צו אזא זאך, זיצן ביי דיין זון'ס סיום הש"ס און ביים סיום הש"ס פון דיינע אייניקלעך. די הרגשה איז נישט צום באשרייבן; וואס נאך דארפן עלטערן מער פון נחת ביי די קינדער, זען ווי זיי לערנען און דאווענען.*

**די תורה איז לעבן עס וועט דיר אלעס געבן**

## היכל הקודש
# נייעס

אמעריקע

### א נייע פראקטישע וועג צו געבן צדקה

עס קומט אריין גוטע נייעס אז מ'האט נארוואס געענדיגט בויען א גאר סאפיסטיקירטע נייע "וואַלעט" סיסטעם מיט'ן נאמען "בי-פעי" - "ברסלב פעי". דאס איז אונז געווען א געוואלדיגע חידוש, מיר האבן געוואלט וויסן וואס דאס איז און פארוואס מען האט דאס געמאכט. דערפאר האבן מיר זיך תיכף פארבינדן צו העסקן הדגול וואס איז שוין גוט באקאנט ביי אנשי שלומינו צו שטיין אונטער יעדע גוטע זאך מו"ה אהרן פיש הי"ו, וואס ארבעט שוין אויף דעם פראיעקט לאנגע חדשים צום גוטן.

מיר זענען תיכף צוגעטרעטן צום ענין, און מיר האבן געשטעלט פראגן, וואס מיר ווען זיך פרייען מיטצוטיילן די אינפארמאציע מיט אלע אנשי שלומינו.

א גוטן ר' אהרן, מיר האבן געהערט איבער עפעס א נייע "בי-פעי" סיסטעם וואס דו האסט געמאכט. קענסט אונז אפשר זאגן אין איין ווארט וואס דאס איז?

**בי-פעי איז פשוט א גרינגע וועג צו געבן געלט פאר סיי וועלכע צוועק אין די קהילה, עפעס אזוי ווי "גוגל פעי", אבער אונזער סיסטעם ארבעט נישט אויף די אינטערנעט. עס איז א טעקסט בעיסד סיסטעם.**

פאר איינער וואס האט נישט קיין קאמפיוטער, און ווייסט נישט וואס מיינט גוגל פעי. וואס איז דאס בי-פעי?

**א גרינגע סיסטעם, וואס נאכן עפענען אן אקאונט, קען מען מיט א פשוט'ע טעקסט פון ממש אפאר אותיות מנדב זיין סיי וועלכע סכום פאר סיי וועלכע צוועק צווישן אנשי שלומינו.**

דו זאגסט אז עס איז א גרינגע סיסטעם. וואס מיינט דאס גרינג?

**לאמיר אייך געבן א פשוט'ע ביישפיל דו שטייסט יעצט ביי א ציון פון א צדיק, און דו ווילסט געבן איין דאלער צדקה פאר הדפסה. ביז יעצט האסטו געדארפט רופן דעם גבאי און איס משוגע מאכן פאר דעם איין דאלער'דיגן נדבה וואס דו וואלסט קיינמאל נישט געטון. יעצט קענסטו עס טון אין ווייניגער פון פינף סעקונדעס.**

געוואלדיג. דאס זעט אויס א מורא'דיגע געדאנק, וויאזוי שרייב איך מיך איין?

**ממש זייער גרינג. שיק דאס ווארט join צו 8453852400 און פאלג אויס די פשוט'ע אנווייזונגען וואס דו וועסט באקומען אויף טעקסט.**

פיין איך האב מיך שוין איינגעשריבן, וויאזוי נוץ איך דעם סיסטעם ווען איך וויל געבן געלט?

**לאמר נוצן דעם פריערדיגן ביישפיל, איך וויל געבן א דאלער פאר קרן הדפסה, שרייב א טעקסט צו די אויבן דערמאנטע נומער: די קאוד פון קרן הדפסה וואס איז KH02, די סכום געלט (1) די קרעדיד קארד נומערן א ספעיס מיט די עקספערעישאן דאטום.**

**צום ביישפיל: kh02 1 01234567890123456 0226**

איך וועל דארפן יעדעס מאל שרייבן אזא לאנגע טעקסט, די גאנצע קרעדיט קארד נומערן מיט די עקספערעישאן דאטום?

**ניין, ניין. עס איז געמאכט אז מען קען אוועקלייגן ("סעיוון") א קארטל אויפן סיסטעם. צו קענען נוצן יעדעס מאל. איין מאל א קארטל איז געסעיווד דארפסטו נאר נוצן די לעצטע פיר ציפערן (דיזשיטס) פונעם קארטל.**

וויאזוי סעיוו איך א קארטל?

**שרייב save די קארטל נומערן מיט די עקספערעשן דעיט.**

**צום ביישפיל: save 01234567890123456 0226**

**יעצט ווען דו ווילסט מנדב זיין ווי אויבנדערמאנט, וועסטו**

דארפן שרייבן זייער א קורצע טעקסט.

צום ביישפיל: kh02 1 3456

קען איך סעיוון מער ווי איין קארטל?

יא. וויפיל קארטלעך די ווילסט, ווען דו שרייבסט list cc צום סיסטעם באקומסטו צוריק א ליסטע מיט אלע קארטלעך וואס דו האסט אויפן סיסטעם.

וואס טו איך ווען איך וויל אויסמעקן א קארטל?

שרייב delete מיט די לעצטע פיר ציפערן delete 3456

קען מען צולייגן נאך א טעלעפאן נומער וואס זאל קענען נוצן די זעלבע אקאונט?

יא, טעקסט add מיט די אנדערע טעלעפאן נומער. צום ביישפיל: add 8451234567

אויב איך וויל נאכדעם אראפנעמען יענע צוגעלייגטע נאמבער?

שרייב delete מיט יענע טעלעפאן נומער.

נישט צום גלייבן, וואס מ'קען אלס טון מיט א פשוטע טעקסט. וואס נאך קען מען טון מיט'ן סיסטעם?

מ'קען זען ריפארטס וויפיל געלט מ'האט שוין מנדב געווען דורך אונזער סיסטעם און פאר וועם. טעקסט RLD (וואס שטייט פאר Report List Donations) מיט א נומער פון וויפיל טעג צוריק דו ווילסט זען, און עס וועט צוריק קומען א דעטאלירטע ריפארט פונקטליך אלע דיינע נדבות ווען, וויפיל און א סך הכל.

צום ביישפיל ווען מען וויל א באריכט פון מיינע נדבות פון די לעצטע זיבן טעג שרייבסטו RLD 7

בכלל יעדעס מאל דו געסט געלט וועסטו באקומען א רעסיט אויף אימעיל, אזוי אויך איינמאל א חודש וועלן אלע באנוצער באקומען א רעפארט. און סוף יאר וועט מען באקומען א לעגאלע רעסיט מיט די פונקטליכע פרטים פון אלע נדבות וואס זענען געגעבן געווארן נוצנדיג אונזער סיסטעם וואס מען וועט קענען נוצן ביים פיילן דעם טעקס ריטוירן.

איך הער אונטער די קוליסן אז עס זענען דא נאך פילע נייע אפציעס אויף וואס מען ארבעט, קענסט מיר אפשר געבן עפעס פרטים?

אויף דערווייל איז דאס גענוג, אם ירצה השם ביז צוויי וואכן וועל איך געבן פרישע אפדעיטס וואספארא נייע אפציעס עס וועט צוקומען, און ווי זאכן האלטן.

א גרויסע ישר כח ר' אהרן פאר דיין טייערע צייט וואס דו גיבסט אוועק פאר אנשי שלומינו שלא על מנת לקבל פרס. עס איז אומגלויבליך די רעוואלוציע וואס אזא סיסטעם קען ברענגען. אידן ווילן געבן צדקה, און אזא סיסטעם וועט בעזרת השם יתברך זיכער צוגעבן אז מען זאל קענען געבן צדקה מיט הרחבת הדעת.

זיך איינצושרייבן שיק דאס ווארט join צו 8453852400 און פאלג אויס די פשוט'ע אנווייזונגען וואס דו וועסט באקומען אויף טעקסט.

**וויליאמסבורג**

## מען פרישט איבער "עטרת אפפעל" פאר'ן קומענדיגן חתונה סעזאן



פריילעכע נייעס קומט אריין אז אין די יעצטיגע טעג גרייט מען זיך אויפצופרישן די זאל אין ישיבה "עטרת אפפעל" וואס דינט שוין אפאר יאר פאר די געברויך פון די שמחות אין די קהילה, ובפרט פאר די חתונות, וואס ווי מיר שטייען יעצט איז דאס שוין ברוך השם א נארמאלע זאך (על כל פנים ביי אונז אין די קהילה) אז א חתונה באלאנגט צו ווערן געפראוועט אין בית המדרש אויף א פשוטע אויפן, און נישט אין קיין זאל וואס קאסט א הון תועפות פארביידע מחותנים.

פארשטייט זיך נאכן ניצן אזויפיל די פלאץ, ברויכט מען דאס אויפרישן יעדע שטיק צייט, צוליב דעם האט זיך אונזער אלעמען געטרייער עסקן ר' אייזיק אפפעל הי"ו נאך וועם די זאל ווערט גערופן, זיך אריינגעווארפן אין די ארבעט מיט'ן גאנצן קראפט, און וועט אם ירצה השם איבערמאכן די ווענט גאר שיין און פריש עס זאל זיין גרייט פאר די פרישע חתונות וואס ווערט ווערן געפראוועט גלייך נאכדעם וואס מען קומט אהיים פון קעמפ.

**עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים**



# מעשיות פון תפילה

## יעקב בלוך - בני ברק:

פאר א שטיק צייט צוריק האב איך געשפירט זייער נישט גוט, איך האב נישט געוואוסט וואס דאס מיינט. איך האב אנגעהויבן זייער שטארק בעטן דעם אייבערשטן ס'זאל אוועקגיין. נאכן מאכן אסאך תפילות אז איך זאל שפירן גוט בין איך געגאנגען צום דאקטער, און דער דאקטער האט מיר געזאגט אז ער זעט נישט קיין שום פראבלעם דו ביסט געזונט און שטארק.

שכח אייבערשטער אז דו האסט רחמנות געהאט אויף מיר, און מיך מקרב געווען צו דער ראש ישיבה שליט"א וואס לערנט אונז אויס אז וואס מ'דארף קען מען בעטן פונעם אייבערשטן.

## אברהם משה שטראססער - קרית ברסלב:

אין פרייטאג צונאכטס איז ר' שלמה רוטה נרו יאיר צוגעגאנגען צום עמוד, איך האב געדענקט אין מיין מחשבה אז ער האט עפעס א שיינע שטיקל אויף 'ושמרו', איך האב זייער שטארק געוואלט ער זאל זאגן דעם שטיקל.

איך געדענק אז איינמאל איז א געוויסע בעל תפלה צוגעגאנגען צום עמוד און ער האט נישט געזאגט עפעס א שיין שטיקל וואס ער פלעגט געווענליך זאגן, און עס האט מיר געפעלט אין מיין עונג שבת.

איך האב געבעטן א קליינע תפילה אז ר' שלמה זאל עס יא זאגן, און ברוך השם ער האט טאקע געזאגט דעם שיינעם 'ושמרו' וואס איך האב ליב 'לכבוד שבת'...

## ברוך נויסבוים - בני ברק:

מוצאי תשעה באב בין איך געפארן מקדש זיין די לבנה, ביים שער השמים, צוזאמען מיט נאך טויזענטער אידן. ווען איך בין ארויס פון דארט, זע איך אז עס איז דא א גרויסע שטופעניש, און א ריזן ציבורווארט צו פארן מיט די באס צוריק אין שטאט, ווען מען האט שוין געזען דער באס פון דערווייטנ'ס האט שוין דער גאנצער עולם אנגעהויבן לויפן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל אניאגן און קענען ארויף גיין געהעריג אויפ'ן באס און נישט דארפן ווארטן פאר די נעקסטע באס, דער דרייווער האט אויפגעמאכט די טיר, ס'איז געווארן א גרויס געדרענג, אבער שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט ארויף גיין אויף די באס און אנגעקומען בשלום אהיים

שכח אייבערשטער, דער אייבערשטער איז אזוי גוט צו מיר און צו יעדעם, כי אתה שומע תפילת כל פה.

## יעקב און ישעי' האלצער - קרית יואל:

ליל ששי האבן מיר געוואלט מיטהאלטן דעם שיעור פונעם ראש ישיבה, דא אין קרית יואל קען מען נישט מיטהאלטן דעם שיעור במשך די זומער חדשים, זענען מיר געפארן קיין מאנסי היכל הקודש בית המדרש.

מיר קומען אן אהין און מען וויל אנהייבן צו הערן דעם שיעור וואס איז געווען צוזאמען מיט א הערליכן סיום הש"ס פון הילד נחמן נתן נרו יאיר בן הראש ישיבה שליט"א, אבער מען קען נישט מיטהאלטן ווייל די ספיקער ארבעט נישט.

מען האט פרובירט אהער און אהין אבער ס'האט גארנישט געהאלפן, וואס טוט מען דא?

צוקיקענדיג די מצב האבן מיר אפגעמאכט גלייך ארויסצונעמען פון אונזער אוצר די געוואלדיגע עצה וואס דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז שטענדיג, דאס איז 'תפלה', מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף אז די ספיקער זאל פיין ארבעטן און מיר אלע זאלן קענען מיטהאלטן די שיעור און ווערן פון דעם ערליכע אידן, מיר האבן זיך ארויסגעשלעפט ביז אהער אלס כדי צו הערן דעם שיעור, און יעצט ארבעט עס נישט, העלף אונז.

יא ברוך השם די וואונדער האט פאסירט עס האט אנגעהויבן ארבעטן ווי גארנישט וואלט געווען.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים שֶׁיִּחְיוּ וָואס וואוֹינֶען אִין יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט גֶעדֶענְקֶען וָואס אִיר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, מִיט דֶעם זָאלְט אִיר לֶעבְּן. אִיר וואוֹינְט אִין אַזַא הֵיילִיגֶע שְׁטָאט, אַ שְׁטָאט וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעבּוֹיט מִיט בְּלוּט אוּן שְׁוֵויס, אַ פְּלַאץ וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן דֶערְפַאר זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן - זָאלְט אִיר לֶעבְּן מִיט דִי לִימוּדִים.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ עֶנְק, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען קַיין יַבְנְאֵל צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ; אִיךְ הָאבּ יֶעצְט פְּרוּבִּירְט צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת פוּן דִי מְדִינָה שֶׁל גֵיהִנוֹם, אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַ תְּשׁוּבָה, אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב צוּ זַיין מִיט עֶנְק.

אִין יְשִׁיבָה אִיז יֶעצְט הוֹיךְ יוֹם טוֹב; אַלֶע בָּחוּרִים זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדְן טָאג מַסֶכֶת תַּעֲנִית - פֶערְצִיג טֶעג אִין אֵיין צִי, פוּן ט"ו בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, **אַלֶע טוּעֶן דִי סְגוּלָה פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.**

מוֹהֲרַ"אשׁ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אִין יְשִׁיבָה זוּמֶער שְׁנַת תשע"א, דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען אַז זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵייְדט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ אוֹיף דִי יְשִׁיבָה, דֶעמָאלְט אִיז מוֹהֲרַ"אשׁ גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ אוּן גֶעזָאגְט דִי בָּחוּרִים: **"אִיךְ זָאג צוּ אַלֶע וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶכֶת תַּעֲנִית וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ"**, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, יֶענֶעם יָאר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט צֶענְדְלִיגֶער בָּחוּרִים. אַזוֹי טוּעֶן דִי בָּחוּרִים יֶעדֶעס יָאר, מֶען פָּאלְגְט אַ צַדִיק, מֶען טוּט דִי סְגוּלָה אוּן מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע נִיסִים.

פַארְוָואס שְׁרַייבּ אִיךְ עֶנְק דָאס? אִיךְ וִויל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז שַׁייךְ צוּ דֶעם עִנְיָן. אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט שָׁלוֹם בַּיִת אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים שִׁיעוּר וֶוען מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים דִי סְגוּלָה פוּן מַסֶכֶת תַּעֲנִית, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן מוֹהֲרַ"אשׁ אוֹיבּ עֶר וֶועט זָאגְן פֶערְצִיג טֶעג מַסֶכֶת תַּעֲנִית צִי עֶר וֶועט הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע שָׁלוֹם בַּיִת? הָאט אִים מוֹהֲרַ"אשׁ גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: **"מֶענְדְל מֶענְדְל, אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וִויל הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף זַיין אַ וַותְּרָן אִין שְׁטוּבּ".**

דָאס וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, אִיר זָאלְט מְוַותֵּר זַיין אִין שְׁטוּבּ; אִיר זָאלְט נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין וֶוען דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט גְרֵייט וְכַדוֹמֶה, אִיר דַארְפְט קוּקְן גוּט אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר. זַייט נִישְׁט קַארְג מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, גֶעבְּט אָן אַ שִׁיעוּר גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי אַייךְ.

וֶוען אִיר זֶענְט בַּיים צִיוּן בֶּעטְס פַאר מִיר: יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מִיט דִי תַּלְמִידִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### בִּין אִיךְ דֶען חָשׁוּב?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט:** וֶוען עֶס קוּמְט צוּ '**גַשְׁמִיוּת**' הַאלְט יֶעדֶער פוּן זִיךְ; דֶער הוֹיז פַּאסְט נִישְׁט פַאר מִיר, דֶער שִׁידוּךְ פַּאסְט נִישְׁט פַאר מִיר, דֶער דְזְשַׁאבּ פַּאסְט נִישְׁט פַאר מִיר, דוּ וֵוייסְט וֶוער אִיךְ בִּין?!... אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ '**רוּחָנִיוּת**', וֶוען עֶס קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט מֶען אַן עָנָיו, 'וֶוער בִּין אִיךְ', 'בִּין אִיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן?' אָבֶּער אַז מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף בַּאקוּמְט מֶען כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן '**אֱמוּנָה**', הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַעַת, וַוייל וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי מֵיינְט אִים פֶּערְזֶענְלִיךְ, קוּמְט אוֹיס, אוֹיבּ דֶער רֶבִּי דַארְף גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה מֵיינְט עֶס אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, הָאט דָאס אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן: **"אֲפִילוּ דוּ גְלֵייבְּסְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין דִיר!"** דֶער רֶבִּי הָאט אָפְּגֶעלֵיינְט זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן אִים גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט; אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיךְ גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ זַיינֶע תְּפִילוֹת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמ).

בַּיי מֶענְטְשְׁן אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז עֶס אִיז דָא עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶס זֶענֶען דָא צַדִיקִים, אָבֶּער **'וֶוער בִּין אִיךְ?!'** אוּן מֶען מֵיינְט נָאךְ אַז מֶען וֶוערְט מִיט דֶעם אַן עָנָיו, בִּיזֶעדְעְרַוייל אִיז דָאס '**פַאלְשֶׁע עֲנָוָה**', אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט '**פַארְשְׁטִינְקֶענֶע גַאֲוָה!**' וַוייל וִוי קוּמְט אַרַיין דָאס וָוארְט 'אִיךְ'? "אִיךְ בִּין יָא", אוּן "אִיךְ בִּין נִישְׁט"... דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט פוּן דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ אַז דוּ הִיטְס שַׁבָּת, דוּ גֵייסְט מִיט צִיצִית, דוּ הָאסְט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. **דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן 'אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי וַוייט', אִיז גָארְנִישְׁט קַיין עֲנָוָה, דָאס אִיז פָּשׁוּט גַאֲוָה.** אוּן צוּלִיבּ דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, זִינְדִּגְט נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה, א מענטש זָאל גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, עֶר זָאל וִויסְן אַז **דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים.**



# הזמנה
# של מצוה

## זה היום עשה ה'
## נגילה ונשמחה בו

ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו

לזמן הזה

מיט גרויס פרייד טוען מיר איינלאדענען

אנשי שלומינו

צום גרויסארטיגן

## מעמד חנוכת הבית

פונעם הערליכן נייעם גיגאנטישן

**בנין בית הדפוס החדש**

וואס וועט פארקומען

אינעם בנין בית הדפוס

בעזר השם

**זונטאג פרשת שופטים**

**ב' דראש חודש אלול תשפ"ב לפ"ק**

**2623 State Route 52 Liberty,NY 12754**

**בהשתתפות דער ראש ישיבה שליט"א**

# סדר המעמד

5:30

**פתיחת שערים**

6:00

דברי פתיחה

פונעם יושב ראש **מוה"ר העניך אינדיג הי"ו**

6:15

די היסטאריע פון עצתו אמונה

**מוה"ר יואל שניצלער הי"ו**

6:45

אינטערעסאנטע מעשיות פון הפצה

**המפיץ מוה"ר ראובן בירנבוים הי"ו**

7:30

א בליק אינערהאלב די קרן הדפסה

**מוה"ר לייב ראטה הי"ו**

7:45

**דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א**

8:15

טיילן די מתנות

8:30

ברכת המזון וקביעת מזוזה



# א מַעֲשֶׂה
## פֿון א צדיק



### מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אִידְן

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען רָב אִין פִּינְסְק [לִיטָא], אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען דָארְט אַ מַגִּיד אוּן עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת צוּ זָאגְן אַ דְרָשָׁה, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער גֶעזָאגְט: נָאר מִיט אֵיין תְּנַאי, אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידְן! דֶער מַגִּיד הָאט צוּגֶעזָאגְט, אָבֶער וִוי נָאר עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּהְן דֶעם טַלִּית אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן, הָאט עֶר פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶעם, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן שַׁארְפֶע מוּסָר רֵייד.

גְלַייךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב גֶעגֶעבְּן אַ קְלַאפּ אוֹיפְן טִישׁ, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זָאלְסְט וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער מַגִּיד זָאגְט אִיז שֶׁקֶר, **אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טַייעֶר!** אוּן עֶר הֵייבְּט אָן אוֹיסְצוּרִימֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וְכוּ', אוּן עֶר זָאגְט וַוייטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: דֶער אִיד אִיז אַן אָרִימַאן, עֶר דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע טֶעכְטֶער אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, גֶעבּ אִים גֶעלְט, אַזוֹי וֶועט עֶר מֶער נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אוֹיךְ וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיגֶע דִינִים אוֹיף אִידְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט פְּרָאבִּירְט דָאס מַמְתִּיק צוּ זַיין, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט, אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין גַאס, אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וִוי קֶען אִיךְ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיף אִידְן.

פְּלוּצְלִינְג זֶעהְט עֶר וִוי אַ פְרוֹי שְׁלֶעפְּט אַ זֶעקְל אוּן זִי שֶׁעלְט: צוּ דִי רוּחַ זָאל עֶר גֵיין...! עֶר גֵייט אִיר נָאךְ, אוּן עֶר שְׁטֶעלְט אִיר אָפּ, אוּן פְרֶעגְט אִיר: וֶועמֶען שֶׁעלְטְסְטוּ? זָאגְט זִי אִים [זִי הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט וֶוער דָאס אִיז]: וֶועם אִיךְ שֶׁעלְט וִוילְט אִיר וִויסְן? אִיךְ שֶׁעלְט דֶעם בּוּטְשֶׁער! אִיךְ הָאבּ זִיבְּן קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט 'כָּשֵׁר פְלֵייש', אוּן עֶס הָאט גֶעקָאסְט זֵייעֶר טַייעֶר, אוּן נָאךְ אַלֶעם אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מֶער וִוי הוֹילֶע בֵּיינֶער אוּן קוֹים אַבִּיסְל פְלֵייש, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ קָאכְן פַאר זִיבְּן קִינְדֶער פוּן דִי בִּיסְל פְלֵייש? פְרֶעגְט עֶר אִיר: אוּן וִויפִיל קָאסְט טְרֵיפָה'נֶע פְלֵייש? זָאגְט זִי: אַ צֶענְטְל פוּן דֶעם, אוּן נָאכְדֶערְצוּ גֶעט מֶען גוּטֶע שְׁטִיקֶער פְלֵייש. פְרֶעגְט עֶר אִיר: אוּן אֶפְשָׁר זָאלְט אִיר דָארְט גֵיין קוֹיפְן?! זָאגְט זִי: דוּ אַלְטֶער נַאר! דוּ אַלְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה! טְרֵיפוֹת זָאל אִיךְ עֶסְן? אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן עֶנְדֶערְשׁ דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן, וִוי מִיר זָאלְן עֶסְן טְרֵיפָה'נֶע פְלֵייש רַחְמָנָא לִצְלָן.

וִוי נָאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! גֶעבּ אַ קוּק וִוי אַ 'אִידֶענֶע' זָאגְט "זִי זָאל עֶנְדֶערְשׁ דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן צוּזַאמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אַבִּי נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן מִיט קַיין טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת". **וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב הָאט שְׁטֶענְדִיג פְּרָאבִּירְט מְלַמֵּד זְכוּת צוּ זַיין אוֹיף אִידְן וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.**

(קונטרס "אן אנגענעם לעבן")



# דעם רבי'נס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 45

**פארזעצונג פון פריער:** אויפ'ן וועג צוריק פון ליאַדי, האָט דער רבי געהערט אַז הרב הקדוש מנעשכיז זי"ע איז זייער קראַנק, און האַלט שוין נאָנט צום הסתלקות, האָט דער רבי באַשלאָסן צו פאָרן צו אים, דער רבי איז טאַקע אָנגעקומען צו אים ממש פינף טעג פאַר זיין הסתלקות.

...

גלייך ווען דער רבינ'ס באַגלייטער, ר' יצחק, האָט געזאָגט די גוטע בשורה פאַר הרב הקדוש מנעשכיז זי"ע אַז דער רבי קומט צו אים, איז ער געוואָרן פול מיט פרייד, ער האָט געזאָגט פאַר ר' יצחק, "איר האָט מיר יעצט ממש אויפגעלעבט". און ווען דער רבי איז אַריינגעקומען צו אים איז ער געוואָרן גאָר פריילך און האָט אויפגענומען דעם רבי'ן מיט גרויס כבוד, און אַן אומבאַשרייבליכע ליבשאפט, און זיי האָבן אַסאך גערעדט צווישן זיך.

ר' יצחק האָט שפעטער דערציילט אַז זיי האָבן אים דאָרט גערעדט איבער מראות און חזיונות פון אמת'ע צדיקים וואָס זיי זעען און זענען משיג, זיי האָבן גערעדט פונעם מלאך מט"ט, און אַזוי ווייטער.

דערנאָך האָט דער צדיק געהייסן אַז מ'זאָל צוגרייטן אַ סעודה פאַר'ן רבי'ן, דווקא ביי אים אינדערהיים. כאָטש ווי אויבנדערמאַנט האָט מען נישט געטאָרט געוועגליך אַריינברענגען קיין שום עסן אין זיין הויז, פונדעסטוועגן "אהבה מקלקלת השורה" און מ'האָט יאָ אָנגעגרייט דאָרט אַ גרויסע סעודה.

דער רבי איז געזעסן אויבן אָן, און הרב הקדוש מנעשכיז זי"ע האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט און איז אַריינגעקומען מיט זיין גאָלדענעם בעקיטשע און האָט זיך געזעצט צום טיש לכבוד דעם רבי'ן. דאָס איז געווען די ערשטע מאָל אין אַ האַלב יאָר וואָס ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט און זיך געזעצט ביים טיש. לכבוד דעם רבי'ן איז ער אַריינגעקומען מיט זיין גאָר שווערע צושטאַנד אין וואָס ער האָט זיך געפונען דעמאָלט עטליכע טעג פאַר זיין הסתלקות.

דער הייליגער רבי איז געבליבן דאָרט אויף שבת, און דער צדיק האָט אים געבעטן אַז ער זאָל עסן ביי אים אום שבת קודש. אין אָנהויב האָט דער רבי נישט געוואָלט, אָבער דער צדיק האָט זיך זייער געבעטן ביים רבי'ן, און ער האָט טאַקע געגעסן ביי אים.



ספר

רשפי אש

כתבי קודש אשר יצאו מפי קדוש אחד ה"ה הרב הג' הקדוש וכו' מרנא ורבנא רבי מרדכי זצוקללה"ה זי"ע ועב"י מנעשכיז, כידוע בפי כל בשם הרבי הזקן מנעשכיז

ולאשר אין ערוך לגודל קדושתו כתבתיו רק בשם הרב הק' וכו'

הובא לבית הדפוס ע"י המכבך המופלג השנון מוה' יעקב מרדכי

כהרב וכו' מו"ה אמ"י נ"י מהגולל סמוך לביאליסטאק

ווארשא

בדפוס של הרבני מוה' נתן שריפטגיססער נ"י

РИШФЕ ЕЙШЪ

въ Варшавѣ 1869.

въ Типографіи Н. Шрифтгиесера.

צילום שער דפוס ראשון - שנת תרכ"ט

נאָך שבת האָט ער געשיקט צום רבי'ן צען רענדלעך פאַר אַ פדיון, דער רבי האָט געזען אַז ער מוז אויסטיילן זיין גאַנץ פאַרמעגן, אָבער ס'איז נישט מעגליך וכו', דער רבי האָט פאַרשטאַנען אַז ער דאַרף נסתלק ווערן, און ער איז אַוועקגעפאָרן פאַר זיין הסתלקות.

אַ זון פונעם משמש ביי הרב הקדוש מנעשכיז זי"ע האָט שפעטער דערציילט פאַר רבי נתן, אַז זיין טאַטע האָט אים דערציילט אַז ווען דער רבי איז דעמאָלט אַרויס פון הויז, האָט דער צדיק אים באַגלייט ביז אינדרויסן, כאָטש דאָס איז געווען פאַר אים דעמאָלט ממש מסירות נפש ווייל ער איז געווען אויסערגעוועגליך שוואַך. און ווען ער איז צוריק אַריין געגאַנגען האָט ער געזאָגט די ווערטער, "איך זאָל מער נישט באַשאפן ווערן נאָר אַז רבי נחמן זאָל ביי מיר איבער טרעטן דעם שוועל, איז אויך גענוג!".

ענדע קומענדיגע וואך אי"ה



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## פרייטאג צונאכטס שבת ואתחנן תשפ"ב

אזוי ווי איך האב די וואך שבת קודש פרשת ואתחנן זוכה געווען צו עסן א סעודהביים ראש ישיבה שליט"א, וויל איך מיטיילן פאר די חשובע ליינער וואס איך האב זוכה געווען צו זען און הערן ביי די הערליכע סעודה.

**זינגען זמירות איז א עיקר אין אידישקייט**

אנגעהויבן האט זיך עס נאך אונטן אין שול נאכן דאווענען ווען דער ראש ישיבה האט געזינגען זמירות מיט די בחורים, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו די בחורים פארן זינגען, טייערע בחורים, נאך דריי וואכן איז מען דא אין קעמפ, די וואך שבת נחמו, שבת מברכים אלול, און שבת ראש חודש אלול. נאך דריי מאל גיי איך ענק עס איבערזאגן, ענק גייען חתונה האבן דארפן ענק וויסן אז מען דארף זינגען זמירות. מען קען עסן א געשמאקע סעודה, פארברענגען, אבער אויך דארף מען זינגען אביסל זמירות. אז ענק גייען זינגען זמירות, וועלן ענקערע קינדער זינגען זמירות, און ענקערע אייניקלעך, עס זעט אויס ווי א פשוטע זאך, אבער דער רבי זאגט אז זינגען זמירות איז א עיקר אין אידישקייט.

און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן זינגען זמירות מיט די בחורים אזוי שיין, אינמיטן זינגען האט דער ראש ישיבה זיך געגעבן א שטעל אפ און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן, מנהל זאג דא הויך די אמת, פון ווען די ישיבה שטייט איז שוין אמאל געווען אזעלכע געשמאקע בחורים ווי יעצט? און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז ס'איז נאך קיינמאל נישט געווען אזעלכע וואוילע בחורים אין ישיבה. ס'איז געווען זייער א פרייליכע אטמאספער דארט. אן אוויר הזך והנח.

**געב פאר דיין טאטע די אויבן אן**

דערנאך האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו די בחורים איך וויל ענק אויסלערנען זייער א וויכטיגע זאך, נאך אביסל גייען ענק אלע חתונה האבן, ענק גייען אם ירצה השם אלע האבן שיינע גרויסע הייזער, און אז ס'מאכט זיך אמאל אז עלטערן ווילן קומען אויף שבת, געבט מען איבער פאר זיי די גאנצע שבת, זיי פירן די טיש. דער ראש ישיבה האט פארציילט א אינגערמאן איז צוגעקומען צו מיך פרעגן וואס ער זאל טון, זיין טאטע איז געקומען צו אים אויף שבת, און זיין טאטע זינגט נישט קיין זמירות, א ליטווישע איד, אויב ער זאל זינגען זמירות ביי די סעודה אדער נישט? און די ראש ישיבה האט געזאגט איך האב אים געענטפערט געב פאר דיין טאטע די אויבן אן, און ער זאל פירן די סעודה. און דו וועסט זיצן אין די זייט געניוי ווי אלס קינד ביי דיין טאטן אין שטוב.

האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו די בחורים, נישט צו ווייט פון דא, פאר א שטיק צייט צוריק איז געווען א מעשה מיט א גוי ער האט געהאט א דאגי און ער האט נישט געהאט גענוג עסן פאר זיין דאגי, האט ער גענומען זיין אלטע טאטע און אים צוגעבינדן און אים געגעבן פאר די דאגי אזוי זאל די דאגי האבן וואס צו עסן פאר די קומענדיגע פאר וואכן. דאס איז א גוי. זיין דאגי איז אים מער חשוב ווי זיין טאטע. און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן, ענק האבן נאך קיינמאל נישט געהערט די מעשה? ס'שטייט אין די גמרא... אבער ביי א איד זענען די עלטערן די חשובסטע זאך.

**גוט שבת! גוט שבת!**

דערנאך איז דער ראש ישיבה אהיימגעגאנגען פון שול, דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען מיט א פרייליכן גוט שבת וואס האט אויפגעלעבט די גאנצע הויז! און דער ראש ישיבה האט באגריסט זיין ווייב, און דערנאך די געסט, יעדן איינעם עקסטער, מיט א ווארעמע גוט שבת.

דער ראש ישיבה האט געמאכט פלעצער פאר יעדן איינעם וואו צו זיצן. די קליינע קינדער האט דער ראש ישיבה געזעצט גלייך נעבן זיך, דערנאך די געסט און די גרויסע קינדער, און ביי די אנדערע זייט טיש זענען געזיצן די פרויען.

דער ראש ישיבה האט אנגעטון זיין ווייס און גאלדענע בעקיטשע און זיך אראפגעזעצט ביים טיש און אנגעפאנגען

<<<<

זינגען זמירות. און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צום גאסט ר' שלמה יאקאבאוויטש נרו יאיר 'איך האף עס שטערט דיר נישט אז איך זינג נאכאמאל איבער זמירות.

דער ראש ישיבה האט געזינגען שבת שלום ומבורך הייליגע שבת, לעכטיגע שבת, זיסע שבת, און די ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער ווער ס'האט נאך עפעס וואס מען קען זינגען לכבוד שבת, האבן די קינדער געזאגט בשמים'דיגע שבת, 'יאמי שבת, און נאך.

**ברסלב'ע קינדער**

עס איז געווען זייער פרייליך ביים זינגען, אפאר מאל אינמיטן זינגען האט דער ראש ישיבה געקלאטשט און געוויזן פאר די קינדער זאלן אויך קלאטשן, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט, ווער ס'ווייסט וואס געשעט ווען מען קלאטשט? איינער פון די קינדער, א גאסט נתנאל היילפרין נרו יאיר, האט געענטפערט אז ווען מען קלאטשט ברענגט מען די לופט פון ארץ ישראל, עס ווערט דא אזוי ווי ארץ ישראל. האט דער ראש ישיבה הנאה געהאט און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן, 'ברסלב'ע קינדער, זיי ווייסן שוין אלעס'!

נאכן זינגען זמירות האט דער ראש ישיבה געשמעקט הדסים, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער ווער ווייסט וואס ס'פאסירט ווען מען שמעקט הדסים שבת? דער ראש ישיבה פרעגט עס פון די קינדער יעדע וואך, יעצט האבן די קינדער שוין געוויסט וואס צו ענטפערן, אז דער הייליגע רבי זאגט ווען מען שמעקט הדסים שבת איז מען זוכה צו קינדער תלמידי חכמים. דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט ווער פון די געסט איז עלטער, און אראפגעשיקט די הדסים פאר יעדעם צו שמעקן אין די רייע פון די עלטסטע ביז די יונגסטע.

**לכבוד שבת א גוטע טיש**

איינער פון די געסט, מרדכי אהרן היילפרין נרו יאיר, האט אמאל געברענגט פאר דער ראש ישיבה א מתנה א לייכטער, האט די ראש ישיבה זיך יעצט נאכאמאל באדאנקט און אים געזאגט ש'כח פאר די לייכטער. און די ראש ישיבה האט פארציילט אז די לייכטער האט זיך שוין צוויי מאל צובראכן, און מען האט עס שוין צוויי מאל געדארפט פאררעכטן, ווייל די טיש איז א שאקלדיגע טיש און כמעט יעדע וואך פאלט אראפ די לייכטער. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער זאגט טאקע אז מען דארף נישט קויפן קיין טייערע פורניטשער, אבער אפשר לכבוד שבת לוינט זיך יא צו האבן א גוטע טיש.

און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז ס'איז טאקע דא מענטשן וואס לייגן די לייכטער אויף א עקסטערע טיש ביי די זייט, אבער מיר ווילן די ליכט זאלן ליגן אויפן טיש. און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צום גאסט און געזאגט, דו דארפסט נישט אנהייבן יעצט צו לייגן די לייכטער אינמיטן טיש ווייל אזוי טוט מען דא, ביי דיך אינדערהיים זאלסטו זיך ווייטער פירן ווי ביז יעצט, ביי אונז לייגט מען עס אינמיטן טיש.

**שטיין מיט דרך ארץ ביי קידוש**

דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט 'ווער וועט די וואך אויפהייבן די בעכער?' עס זענען געווען אסאך געסט, האט דער ראש ישיבה ארויפגערופן איינע פון די קינדער פון די געסט נתנאל היילפרין נרו יאיר אז ער זאל אויפהייבן די בעכער. דערנאך האט דער ראש ישיבה אנגעזאגט פאר די קינדער אז ביי קידוש דארף מען שטיין מיט גרויס דרך ארץ, ווייל דער אייבערשטער און אלע מלאכים זענען דא, און דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש.

**א שיינעם גלעזל פאר די גאסט**

נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געגעבן גרעיפ דזשוס פאר אלע אנוועזנדע, ערשט פאר זיין ווייב, נאכדעם פאר די געסט, דערנאך פאר די חתונה געהאטע קינדער, און ס'איז נאר איבערגעבליבן איין גלעזל. האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער אז די גלעזל גייט מען געבן פאר נתנאל היילפרין נרו יאיר, די גאסט, אפילו ער איז יונגער, אבער ער איז א גאסט, און דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן באקומען אין א פלעסטיק קאפ.

ווען דער ראש ישיבה האט געגעבן גרעיפ דזשוס פאר די קינדער האט דער ראש ישיבה געזאגט א שיינע נאמען פאר יעדע קינד עקסטער, דאס איז פאר רחל לאה די בעסטע מיידל, דאס איז פאר יוסף מוקיר שבת, און אזוי ווייטער.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו ר' שלמה יאקאבאוויטש נרו יאיר מיט א שמייכל, שוין, יעצט גיי איך מיך שוין אויסטון די ווייסע בעקיטשע, איך טו עס נאר אן ביז נאך קידוש, און דו גייסט זיך שוין קענען פילן באקוועם און היימיש.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך ארומגעקוקט אויף די פילע אנוועזנדע און דער ראש ישיבה האט געזאגט ש'כח

אייבערשטער פאר די גרויסע נס אז אונז האבן אזא שיינע משפחה! און דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין ווייב, געדענקסט נאך די חתונה ווען אונז האבן געמיינט אז אונז גייען נישט האבן קיין קינדער? קוק ווי דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן און אונז האבן אזא שיינע משפחה!

דער ראש ישיבה האט גערופן אלע קינדער זיך צו וואשן, אלע האבן געמאכט א רייע ביי די סינק און דער ראש ישיבה האט יעדעם געוואשן און געהאלפן מאכן די ברכה און געענטפערט אמן אויף זייער ברכה.

דערנאך האט זיך דער ראש ישיבה געוואשן און געמאכט המוציא, און ווען די חתונה געהאטע קינדער און די געסט זענען אריינגעקומען איז געווען צוגעגרייט קליינע חלות פאר זיי אז יעדער זאל קענען עקסטער האבן לחם משנה.

**דער רבי' טרייסט אונז**

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער אז די וואך הייסט שבת נחמו, נחמו מיינט א טרייסט. און דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט וועגן דעם אז 'נחמן' איז דער הייליגע רבי'ס נאמען, דער רבי' טרייסט אונז, דער רבי' איז אונז מחי' און מחזק.

שפעטער האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם אז ס'איז געווען דריי צייטן אין יאר וואס מען איז געקומען צו די רבי', און דריי שבתים א יאר פלעגט דער רבי' גיין צו די חסידים. האט דער ראש ישיבה געזאגט ער האט געטראכט אז אזוי ווי שבת נחמו פלעגט דער רבי' פארן צו די חסידים, וועט ער שבת אינדערפרי' גיין דאווענען אין קאנטרי 'אילן החיים'.

דער ראש ישיבה האט געשיקט צוויי קינדער אין קאך אז זיי זאלן העלפן אריינברענגען די פיש, און נאכן עסן האט דער ראש ישיבה הויך קאמפלימענטירט זיין ווייב ווי גוט און געשמאק די פיש איז געלונגען די וואך. און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינער פון די געסט, האסט שוין אמאל געהאט אזא גוטע פיש? פאר דיין ווייב זאלסטו אבער זאגן אז זי קאכט די בעסטע...

**מען גיסט אראפ פאר די נישט גוטע**

דער ראש ישיבה האט געבעטן איינע פון די קינדער זאלן גיין ברענגען מאמי'ס גלעזל, און דער ראש ישיבה האט אנגעגאסן פאר איר גרעיפ דזשוס מיט סעלצער. דער ראש ישיבה האט געוויזן פאר די קינדער אז ווען מען עפנט א באטל סעלצער דארף מען אביסל אראפגיסן פאר די נישט גוטע, ווייל יעדע מאל מען עסט א סעודה שטייען זיי דארט און זיי ווילן אלעס אוועקנעמען, וועגן דעם גיסט מען אראפ אביסל פאר די נישט גוטע און אזוי ווערן זיי בארואיגט און זיי לאזן אפ די מענטש.

> **א מחי' א גרויסע משפחה,**
> **יעדע בעיבי' איז א ברכה,**
> **יעדע בעיבי' נאך הצלחה,**
> **א מחי' נאך א אינגעלע,**
> **א מחי' נאך א מיידעלע,**
> **א מחי' א גרויסע משפחה.**

און דער ראש ישיבה האט מיך געפרעגט, ביי ענק שיקט די טאטע אויך גרעיפ דשוס מיט סעלצער פאר די מאמע? ווען די מאן גרייט עפעס צו פאר די ווייב, אדער די ווייב גרייט עפעס צו פאר די מאן האט עס גאר אן אנדערע טעם און ס'פילט זיך זייער געשמאק. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער בעט אסאך מאל זיין ווייב זי זאל אים מאכן א קאווע, און איך זאג איר, אפילו איך קען זיך אליינס מאכן, אבער ווען דו גרייטסט עס צו האט עס גאר אן אנדערע געשמאק.

**חתונה האבן א הכנה צו די הייליגע טעג**

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז עס קומט יעצט אין חודש אלול פיר חתונות פון בחורים וואס לערנען אין ישיבה, דער ראש ישיבה איז געווען זייער פרייליך און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז דער הייליגער צאנזער רב האט געזאגט א זאך חודש אלול איז די בעסטע צייט צו חתונה האבן, ווייל וואס קען זיין א גרעסערע תשובה יעצט פאר די הייליגע טעג ווי חתונה האבן?

און דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי שטארק ער וויל מאכן שידוכים, א גאנצן טאג בין איך פארנומען מיט דעם. איך קען נישט שרייבן קיין זוהר, און איך קען נישט שרייבן קיין בריוון... פארוואס איז נישט ארויסגעקומען קיין קונטרס עצתו אמונה לעצטע וואך? איך בין געווען פארנומען גאנצע טעג נאר מיט מאכן שידוכים.

### רעטעך קענדי

דערנאך האט מען געזינגען זמירות און מען האט אריינגעברענגט די זופ. דער ראש ישיבה'ס אייניקל נחמן נתן נרו יאיר האט געוויינט, האט דער ראש ישיבה אים צוגערופן און אים געפרעגט אויב ער דארף א קענדי? האט ער געזאגט אז יא, האט דער ראש ישיבה גענומען א שטיקל רעטעך און אים עס געגעבן און געזאגט, דא האסטו א רויטע קענדי.

דערנאך האט מען אריינגעברענגט די פלייש, קוגל און פערפל, און מען האט עס געלייגט אינמיטן טיש אז יעדער זאל קענען נעמען וואס און וויפיל ער דארף. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען דארף נישט אריינברענגען קיין פרישע טעלערס, מען קען עסן די פלייש אין די זופ טעלערס, איינצושפארן פאר די ווייב אז זי זאל נישט דארפן וואשן אזויפיל כלים מוצאי שבת.

### מיר האבן נישט מורא, פארוואס?

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די וואך איז ער געפארן באזוכן די חדר אין קרית יואל, און אזא נחת האב איך דארט געהאט. זיי האבן דארט אראפגערופן איינער צו פארציילן א מעשה פאר די קינדער, דער רעדנער האט אנגעהויבן, "קינדער ענק ווילן הערן אן אינטערעסאנטע מעשה אדער א שרעקעדיגע מעשה?" האבן די קינדער געענטפערט 'א שרעקעדיגע מעשה!' האט יענער ווייטער געזאגט, אבער ס'קען זיין זייער שרעקעדיג, ענק גייען נישט מורא האבן? האבן אלע קינדער געענטפערט ווי אין א כאר, אונז האבן נישט מורא ווייל דער אייבערשטער היט אונז!! דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער איז געווארן אזוי איבערגענומען פון דעם, צו זען קליינע פיצקעלע קינדער לעבן מיט די אייבערשטער. זיי האבן זיך נישט אפגעשמועסט, קיינער האט זיי נישט געזאגט וואס צו ענטפערן, אבער זיי אלע שרייען מיר האבן נישט מורא, דער אייבערשטער איז דא מיט אונז!

דערנאך זענען אריינגעקומען דער ראש ישיבה'ס קינדער פארשטעלטערהייט, איינער האט אנגעטון אן אינטערעסאנטע הוט, און איינער א טלית, און דער ראש ישיבה האט זיי געגעבן אסאך אויפמערקזאמקייט, עס איז געווען אזוי אינטערעסאנט צו זען ווי דער ראש ישיבה לאזט זיך אראפ צו זיי און רעדט מיט זיי און הערט אויס זייערע קינדערישע מעשיות.

### יעדע קינד א ברכה

דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו זינגען א ניגון פון די אלבום טאנץ מיט אמונה #4 וואס גייט שוין כמעט ארויסקומען, זייער א שיינע הערליכע ניגון: 'א מחי' א גרויסע משפחה, יעדע בעיבי איז א ברכה, יעדע בעיבי נאך הצלחה, א מחי' נאך א אינגעלע, א מחי' נאך א מיידעלע, א מחי' א גרויסע משפחה!' דער ראש ישיבה זינגט דארט אין די ניגון ווי גוט ס'איז צו האבן א גרויסע משפחה, און אז ס'איז נישט אמת וואס מענטשן זאגן אז קינדער מאכן די לעבן שווער. און אז נאר דאס בלייבט פון א מענטש, זיינע דורות. אויך אז ס'איז גארנישט ווען די קינדער וויינען, נאך אביסל גייען זיי ווערן עלטער און דעמאלט קומט די נחת, און נאך אסאך שיינע זאכן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזינגען נאך א שיינע ניגון, 'עס וועט נאך ווערן בעסער, דארפסט נאר רעדן צום באשעפער, ער איז פון אלעם גרעסער, תפילה עפנט אלע שלעסער...' און דער ראש ישיבה האט געטאנצן מיט זיינע קליינע קינדער, ס'איז געווען זייער לעבעדיג.

### יעדער זאל צוגעבן צו די סעודה

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז יעדער פון די געסט מוזן עפעס צוגעבן צו די סעודה, אדער זינגען א ניגון, פארציילן א מעשה פון תפילה, א ווערטל, זאגן א תורה, אדער סיי וואס. מען איז ארומגעגאנגען אין א רייע און יעדער האט עפעס פארציילט.

### פרעגן א ערליכער איד

ווען מען איז אנגעקומען צו די רייע פון איינער פון די געסט, א חתן, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט אז זיין כלה איז זייער חשוב. ווייסט פארוואס זי איז חשוב? ווייל זי פרעגט יעדע זאך, אז מען פרעגט און מען פאלגט איז מען חשוב.

### מען גייט טיילן אייסעס

אינמיטן די סעודה האב איך זיך געגעבן א קוק ארום און איך האב באמערקט אז קיינער פון די קינדער זיצן



שוין נישט ביים טיש, איך האב נישט מיטגעהאלטן פונקטליך ווען אבער ערגעץ נאך די פיש/זופ זענען די קינדער געלאפן שפילן אין פלעי רום... יעצט האט דער ראש ישיבה אויסגערופן אז מען גייט טיילן די אייסעס זענען זיי אלע געקומען צו לויפן. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווער ס'פארציילט א מעשה פון תפילה קען באקומען א אייסעס, אבער צום סוף האבן אלע קינדער באקומען אפילו די וועלכע האבן נישט געהאט קיין מעשה פון תפילה.

דער ראש ישיבה האט גערופן יוסף נרו יאיר זאל טיילן די אייסעס, עס איז מיר געווען זייער אינטערעסאנט צו הערן וואס ער פרעגט פון יעדעם, און וואס זיי ענטפערן.

**יוסף:** 'וואס האסטו ליב?'

**ענטפער:** 'דעם אייבערשטן'.

**יוסף:** 'און וואס איז מיט די אייסעס?'

**ענטפער:** 'איך גלייך עס'.

**אנדערע האבן געענטפערט:** 'די אייסעס עסט מען'.

**פארוואס דארף איך א שטעטל?**

דערנאך האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו זיין ווייב, מיר פארן דאך שוין יעצט כמעט אהיים, וואס וועט זיין מיט די הויז? געדענקסט אז אונז האבן געוואלט מאכן די כולל דא? למעשה זאגט מיר דער דיין שליט"א אז ער וויל ענדערש יא לאזן די כולל אונטן אין שול.

איך האב געטראכט א גוטע זאך וואס מען קען טון מיט אונזער הויז, אויב דו ביסט מסכים. איך האב א זאך וואס טוט מיך זייער שטארק וויי, א פרוי האט זיך אפגערעדט צו מיר אז איר מאן וויל אריינברענגען אין די הויז א קאמפיוטער, צו קענען זען זיינע אימעילס און דאס גלייכן, זי האט אזוי געוויינט אז זי וויל נישט האבן א קאמפיוטער אינדערהיים, זי וויל נישט חרוב מאכן איר הויז.

פארוואס דארף איך א שטעטל?! אז מען זאל קענען זאגן ברסלב האט א שטעטל? איך וויל האבן א ערליכע פלאץ...

איך האב געטראכט אפשר קען מען מאכן א באקוועמע קיאסק דא אין אונזער הויז, אזוי אז מענטשן זאלן נישט דארפן און נישט ווילן אריינברענגען אין זייער הויז א קאמפיוטער.

מיר כאפן זיך אפילו נישט, ווייל ווען מיר דארפן עפעס, האבן אונז מענטשן וואס העלפן אונז, אבער סתם א אינגערמאן וואס זאל ער טון? נישט יעדער וואס האט א סמארטפאון מיינט אז ער וויל זיין שלעכט, ער וויל נאר קענען קעיר נעמען פון זיין באנק, זיינע חשבונות, קרעדיט קארדס, אימעילס, איך וויל אבער זייער שטארק אז ס'זאל זיין דא אין שטעטל א קיאסק, אזוי וועט מען עס נישט דארפן ארייננברענגען אין די הויז.

פארוואס דארף איך א שטעטל?! אז מען זאל קענען זאגן ברסלב האט א שטעטל? איך וויל האבן א ערליכע פלאץ.

דאס איז געווען די ערשטע זאך וואס איך האב געבעטן מען זאל מאכן אין שטעטל, נאך פאר מענטשן האבן אנגעפאנגען אהערצוקומען האב איך זיך געבעטן אז מען זאל מאכן א קיאסק, און מען האט מיך געזאגט יא מען מאכט. אבער למעשה איז נישט דא קיין קיאסק, די קיאסק איז אזוי גרויס ווי א קלאזעט, ס'איז ליצנות געמאכט פון מענטשן און ליצנות געמאכט פון מיר.

**מעשיות פון הפצה**

מען האט געשמועסט וועגן הפצה, דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן פארציילט מעשיות פון הפצה, און דער ראש ישיבה געזאגט: "ש'כח אייבערשטער אז מיין קינדער זענען מפיצים"!

דערנאך האט מען געבענטשט און דער ראש ישיבה האט געגריסט 'גוט שבת' און אראפגעגאנגען זינגען זמירות מיט די בחורים.

# נקודות טובות

געהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

### שלום אלי' אינדיג דערציילט:

איך האב געהערט א שיין ווארט פון באבוב'ער זי"ע, ווי ער זאגט אז אזוי ווי יעדער פארשטייט אליין אז א אידישע בעל הבית'טע קען נישט אנקומען צום שבת און טראכטן שוין מיטוואך וואס מ'גייט קאכן פאר שבת, די זעלבע זאך איז ביי א אינגערמאן, מ'קען נישט אנקומען צום שבת סעודה און טראכטן וואס גיי איך זיי יעצט זאגן, נאר מ'דארף שוין טראכטן פון מיטוואך וואס מ'גייט פארציילן ביים שבת טיש.

### יחיאל הורוויץ דערציילט:

פאר איך הייב אן מיט די הערות וויל איך זיך קודם באדאנקען פאר די הערליכע בלעטל, ס'ווערט שענער און שענער יעדע וואך, תוכן'דיג און געשמאק, גרינג צו פארשטיין, פראקטיש, ועוד.

אפאר וואכן צוריק האב איך געזען אין די בלעטל איינער האט נאכגעזאגט פון די שלש סעודות ביי ר' מנשה איצקאוויטש גבאי בית המדרש היכל הקודש בארא פארק, אז חז"ל זאגן אז די עמוד הענן האט פלאך געמאכט אלע בערג אין מדבר, חוץ דריי בערג האט די עמוד הענן נישט געקענט אויסגראדן, די הר ההר, הר נבו, און הר סיני.

האט ר' מנשה זייער שיין מסביר געווען, אז הר סיני גייט ארויף אויף די תורה וויל דארט איז דאך געווען מתן תורה, הר נבו גייט ארויף אויף דעם צדיק וויל אויף הר נבוא איז געווען די קבורה פון משה רבינו, און הר ההר גייט ארויף אויף שלום בית וויל דארט איז געווען די קבורה פון אהרן הכהן וואס א גאנץ לעבן האט ער עוסק געווען אין מאכן שלום בית.

פון דא זעהט מען די דריי עיקרים וואס א איד דארף האבן, די תורה, דער צדיק, און שלום בית, אן די דריי זאכן קען מען נישט זיין קיין ערליכער איד.

איך האב עס פארציילט פאר מיין חבר ר' בנציון גאלדשטיין נרו יאיר, אז איך האב דאס געזען אין קרית ברסלב בלעטל, האט ער מיך געזאגט אז ס'ווערט געברענגט אין פעולת הצדיק אז אין רבי'ן ס'צייטן פלעגט מען קומען צום רבי'ן דריי מאל א יאר, ראש השנה, שבת חנוכה אין שבועות. פרעגט מוהרא"ש פארוואס פונקט די דריי צייטן? וויל ראש השנה גייט ארויף אויף אמונה - גלייבן אינעם אייבערשטן וויל דעמאלט האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט, חנוכה גייט ארויף אויף תודה והודאה - דאנקען דעם אייבערשטן, און שבועות גייט ארויף אויף די תורה.

האט ער מיר געזאגט אז אפשר איז דאס די זעלבע זאך וואס ר' מנשה האט געזאגט. ראש השנה גייט דאך ארויף אויפן צדיק, אונז אלע פארן דאך צום רבי'ן אויף ראש השנה, און חנוכה איז תודה והודאה, וואס דאס איז דאך די צווייי עיקרים אין שלום בית, תודה, געבן גוטע ווערטער אין שטוב, און הודאה איז אויך א לשון פון מודה זיין, אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס זיך נישט קריגן מיט א ווייב און נאכגעבן, און די דריטע זאך איז די תורה.

אויב מ'האט די דריי זאכן קען מען זוכה זיין צו גרויסע זאכן.

יואל מענדלאוויטש גיבט איבער:

## איינער זאל דערמאנען אז מיר האבן א ראש ישיבה

דעם פארגאנגענעם שבת נחמו, שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה נישט געדאווענט אין גרויסן האשקי שול, מיר האבן זוכה געווען צו הערן הערליכע דיבורים פונעם מנהל ר' מרדכי אינדיג שליט"א, עס איז געווען גאר וויכטיג צו הערן די דיבורים פון ר' מרדכי'ן, א געווענטליכע שבת הערן מיר פונעם שכל עצות און חיזוק פונעם ראש ישיבה שליט"א, יעצט דארף אבער איינער קומען און עפענען די קעפ אז מען זאל ניצן די שכל צו הערן די שכל וואס מיר באקומען פונעם ראש ישיבה.

## די איינציגע עצה פאר נפשיות'דיגע פראבלעמען

צווישן אנדערע האט דער מנהל שליט"א ארויסגעברענגט א שטארקע נקודה, ער האט גערעדט איבער דאס וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט לעצטנס אין א שיעור אז רוב פראבלעמען וואס קומען אן צו אים איז נישט איבער שלום בית, אדער חינוך, וכדומה. ניין און ניינציג פראצענט פון פראבלעמען וואס קומען אן צום ראש ישיבה זענען נפשיות'דיגע פראבלעמען, ווי פחדים, ענקזייעטי, פאניק אטאקעס, וכדומה, וואס די איינציגע עצה דערפאר איז קומען נאכאמאל און נאכאמאל הערן דיבורי אמונה און אסאך חזר'ן אמונה.

## די אבלאווע אויף טראמפ'ס מאראלאגא

מען קען זען ווי אזוי די מוחות פון מענטשן טראכטן איינער ממש פארקערט פונעם צווייטן, מען קען עס זען ווען מען הערט מענטשן שמועסן איבער די נייעס וואס האט געטרייסלט די וועלט וועגן די אבלאווע וואס די עף בי איי האט דורכגעפירט ביים געוועזענעם פרעזידענט דאנאלד טראמפ, קען מען זען מענטשן וואס קוקן דערויף מיט א פארדעכטיגט אויג, אמעריקע זאל טון אזא זאך א אבלאווע אויף א פרעזידענט, ממש קאמוניזם ווי אין רוסלאנד, דער מענטש שפירט ווי די וועלט גייט אונטער.

אנדערע קוקן דערויף דוקא מיט גאר א גינסטיג אויג, עס איז פונקט פארקערט, אמעריקע איז א פרייע לאנד, און עס איז דא יושר און געזעץ, עס איז נישט דא אזא זאך אז איינער זאל זיך ארויסדרייען פון געזעץ, אפילו אויף אזא איינעם ווי דער פרעזידענט אליין.

די מעשה איז געווען די זעלבע, ביי איינעם 'אין קאפ' זעט דאס אויס ווי א פאברעך שאין כמוהו, און פאר א צווייטען 'אין קאפ' איז דאס יושר און געזעץ.

דאס איז א שטיקל ביישפיל ווי אלעס אויף דער וועלט, איז וואס ס'איז, נאר די נפקא מינה איז אין די מח פונעם מענטש, וועגן דעם דארף מען גיין צו אן ערליכער איד א צדיק וואס זאל מיט דיר חזר'ן אמונה, און אויסגראדן דיין מח, אזוי וועסטו ארויסגיין פון אלע פראבלעמען.

אברהם דאנציגער זאגט א שיין ווארט:

קרוב ד' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת, עס איז לכאורה א סתירה, קרוב ד' **'לכל'** קוראיו, אדער לכל אשר יקראוהו **'באמת'**, איז דער אייבערשטער נאנט צו יעדעם איינעם? אדער נאר צו דער וואס רופט אים מיט אן אמת?

האט אברהם געזאגט בדרך צחות, מען דארף פשוט לייגן די פינטל **'קרוב השם לכל קוראיו, לכל אשר יקראוהו'**, דער אייבערשטער איז נאנט צו יעדעם איינעם, צו יעדער איד וואס רופט אים. און נאכדעם זאגט דוד המלך ווייטער אין פסוק **'באמת'** יא! דאס איז אמת ויציב דער אייבערשטער איז **'באמת'** נאנט צו יעדעם איינעם, עס איז נישט עפעס א בחינה, עפעס א ווארט, נאר עס איז **'באמת' לאמיתו...**



# קינדער אָפְּטֵיילוּנג

## מְיַחֵד זַיין יִחוּדִים

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן פוּן רֶבִּינְ׳ס קִינְדֶער יָארְן. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד הָאט עֶר גֶעוָואלְט מְקַיֵּם זַיין דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים טז, ח): "שִׁוִּיתִי ה׳ לְנֶגְדִּי תָמִיד", שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַלְץ גֶעטְרַאכְט פוּן דִי שֵׁם הֲוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא.

לָאמִיר פְּרוּבִּירְן צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, לָאמִיר פַארְמַאכְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן אוּן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אוֹת יוּ"ד, יֶעצְט פוּן דֶעם אוֹת הֵ"י, יֶעצְט אוֹת וָי"ו אוּן אוֹת הֵ"י. יֶעצְט לָאמִיר טְרַאכְטְן פוּן אַלֶע פִיר אוֹתִיּוֹת אִינְאֵיינֶעם, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס מָאל מֶען טְרַאכְט פוּן דִי פִיר הֵיילִיגֶע אוֹתִיּוֹת י-ק-ו-ק אִיז מֶען מְקַיֵּם אַ מִצְוָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ תַּעֲנוּג יֶעדֶעס מָאל מֶען אִיז מְיַחֵד אַ שֵׁם, דָאס פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טוּן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אַלְס קְלֵיין קִינְד.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן אִין חֵדֶר בִּשְׁעַת דֶער מְלַמֵּד פְלֶעגְט פָארְלֶערְנֶען גְּמָרָא הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ פַארְטְרַאכְט אִין דִי הֵיילִיגֶע אוֹתִיּוֹת, זַיין מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט גֶעווּסְט פַארְוָואס דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן חָלוֹמְ׳ט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּסְט וָואס דָא טוּט זִיךְ, עֶר פְלֶעגְט שְׁרַייעֶן אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן עֶר זָאל נִישְׁט חָלוֹמְ׳עֶן. מִיר וֵוייסְן אָבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶע׳חָלוֹמְ׳ט פוּן נַארִישְׁקֵייטְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן "שִׁוִּיתִי ה׳ לְנֶגְדִּי תָמִיד".



"וָואס חָלוֹמְ׳סְטוּ?!"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַפָּאר זַאכְן, 1) דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טְרַאכְטְן דֶעם שֵׁם הֲוַיָ"ה. 2) דָאס אִיז אוֹיךְ פַאר קִינְדֶער, קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן. 3) יֶעצְט וֵוייסְן מִיר שׁוֹין וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְיַחֵד יִחוּדִים, מִיר קֶענֶען דָאס אוֹיךְ טוּן; מֶען טְרַאכְט פוּן אוֹת י׳, פוּן אוֹת ה׳, אוֹת ו׳ אוּן אוֹת ה׳; עֶס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אַ שָׁאד מִיר זָאלְן דָאס נִישְׁט טוּן. 4) מִיר לֶערְנֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, אַ צַדִּיק טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר חָלוֹמְ׳ט - וֵוייסְן מִיר אַז עֶר טְרַאכְט פוּן אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.


אַ רייזע מִיט
פִּישֶׁעל


רֶבִּי, דוּ גֶעדֶענְקְסְט מִיר? מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט צוּזַאמֶען אִין חֵדֶר!
אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דַיין נָאמֶען אִיז זֵייעֶר בַּארִימְט גֶעוָוארְן!

געברענגט צו
אייך דורך

# אנשי חיל

גענומען
מיט רשות פון
"קינדער שפיל"

5








**דֶער צִיהל** פוּן דָאס לֶעבְּן רֵייזֶע אִיז זִיךְ אָנְצוּזַאמְלֶען מִצְוֹות און מַעֲשִׂים טוֹבִים פַאר דִי לֶעצְטֶע סְטַאנְצִיֶע - וֶוען דִי נְשָׁמָה קֶערְט זִיךְ צוּרִים אַהֵיים.

אָבֶּער צוּ מָאל, אִינֶעם גֶעיֶעג נָאךְ אַ גוּט לֶעבְּן, זֶענֶען מִיר אוּמְשְׁטַאנְד נָאכְצוּלָאזְן דֶעם צִיהל וָואס צוּלִיבּ אִיר גֶעפוּנֶען מִיר זִיךְ דָא. אוֹיבּ דֶער הֶערְלִיכֶער וַואגָאן דֶערְוַוייטֶערְט אוּנְז פוּן דִי סְטַאנְצִיֶע וואוּ אַהִין מִיר דַארְפְן אָנְצוּקוּמֶען, אִיז לִיבֶּערְשְׁט צוּ פָארְן מִיט אַן אָרֶעמֶען וַואגָאן, אַבִּי מִיר זָאלְן פָארְן וָואס נֶענְטֶער צוּם גוּטְן רִיכְטוּנְג.

וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד ווִיסְן אוֹיבּ עֶר פָארְט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג? מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, און אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְז פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג; און מֶען דַארְף טְרֶעפְן אַ צַדִיק וָואס זָאל אוּנְז אוֹיסְלֶערְנֶען און וַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, און דַאן וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען פְרֵיילִיכֶערְהֵייט צוּם רִיכְטִיגְן צִיל.

דֶער חָפֵץ חַיִּים

# טרעף
## די פאלגנדע ווערטער

# איך וויל נאר לערנען און דאווענען, און מורא האבן פינעם אייבירשטן

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | ר | ט | י | א | י | ה | ר | ת | ל | א | ה | פ | ח | ז | ש | ל | מ | ח | ד | ק | ג | ש |
| ר | ח | ת | י | ס | א | ב | ש | ה | ט | ק | י | ד | מ | ס | א | נ | ט | ז | ב | נ | ת | י |
| ב | ח | ע | ש | מ | ה | צ | ל | ל | א | ד | ג | צ | י | ו | ז | ט | ק | ק | ב | כ | פ | א |
| י | ש | י | ע | ח | א | צ | ט | ש | ג | ב | צ | ק | ג | ד | ר | ל | ש | ד | ר | ג | ל | ה |
| ד | ו | נ | ע | א | י | י | ג | א | ד | נ | נ | ר | ו | פ | ס | א | ג | ה | ש | פ | ר | צ |
| ה | י | ו | ש | ה | ג | צ | ט | פ | ק | נ | ט | צ | ז | ד | א | ו | ו | ע | נ | ע | נ | א |
| פ | ה | ר | ו | ה | ש | ד | כ | ח | ק | ע | מ | ש | ל | ו | ק | נ | ל | צ | ל | ח | ט | ע |
| ס | ע | ק | צ | כ | ח | א | ק | ט | ר | א | נ | ק | ר | ו | ל | א | ק | ס | ז | ר | ג | ת |
| ת | ע | ת | ס | ס | ת | צ | ז | י | ס | ל | צ | פ | מ | י | ע | ע | ו | ח | ע | ע | פ | ס |
| ר | ל | ש | ש | ה | ת | מ | פ | ש | ר | ת | ת | ע | ת | ל | ב | ה | ר | נ | ק | ח | ג | ק |
| י | מ | ק | ס | א | א | ת | ס | ע | ש | ק | נ | ק | נ | א | ט | י | כ | נ | ש | ת | ש | ש |
| צ | ה | מ | נ | ו | א | ת | ט | ז | ב | ר | ג | ל | י | י | י | ג | י | כ | ע | ת | ש | ד |
| ס | ו | ל | נ | ט | פ | מ | י | ר | ז | ל | מ | ע | מ | כ | ש | צ | י | א | מ | נ | ס | צ |








# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | 2 | | 1 | | 5 |
| | | | | 4 | |
| | | | | | |
| 1 | | | | | |
| | | 6 | | 5 | |
| | 1 | 4 | 2 | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 5 | | 1 | 6 | | 9 | 8 | | 2 |
| 4 | | | | | | | | 3 |
| | | | 3 | 5 | 4 | | | |
| 8 | | | 5 | | 7 | | | 4 |
| | 7 | 9 | | | | 3 | 8 | |
| 6 | 5 | | | | | | 2 | 1 |
| 7 | 4 | | | 6 | | | 9 | 8 |
| 9 | 1 | | | | | | 3 | 6 |
| 3 | | 2 | 8 | | 5 | 4 | | 7 |



## א
## שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**לז.** מִי שֶׁדּוֹבֵר כְּזָבִים נוֹפֵל בַּחֶרֶב. גַּם נַעֲשֶׂה שׁוֹטֶה.

**טייטש.** וֶוער עֶס זָאגְט לִיגְנְט, וֶועט פַאלְן דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערְד, אוֹיךְ וֶוערְט עֶר מְשׁוּגָע.



## חידות
### אפטיילונג

דער הייליגער רבי זאגט: אויב איינער שפירט נישט קיין טעם אין עסן, זאל ער וויסן אז

א. ער איז שוין א ערליכער איד

ב. ער איז אויפ׳ן וועג צו ווערן א צדיק

ג. ער איז פון די כיתה פון די צדיקים

ד. דער אייבערשטער איז אוועקגעגאנגען פון אים

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** די הייליגע חכמים זאגן: צדיקים נאך זייער פטירה

**ענטפער:** זענען זיי גרעסער ווי ווען זיי האבן געלעבט

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**אברהם יצחק פוקס נרו יאיר - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת עקב?

## פון אויבן אראפ.

1. יעצט אין די יונגע יארן איז א שאד צו לויפן _____, יעצט קום אין ישיבה

2. אלעס איז א _____ פונעם אייבערשטן

3. נעם די צוויי זיסע _____ פון לערנען און דאווענען, וועסטו ווערן א גרויסער צדיק

4. קענסט ארומגיין אין דיין פעלד צווישן די גראז, און _____ צום אייבערשטן

5. א איד דארף האבן א _____ _____, א וועג ווייזער אן ערליכער איד

7. דער אייבערשטער איז דא, דער אייבערשטער _____ אונז

9. ווער עס העלפט פאר די פלעי, האט א _____ אין הפצה

11. א _____ פאר די ביסל האר איז דא אזויפיל צרות אויף דער וועלט

12. ארויסנעמען אלטע _____ פיין דורך אמונה, דורך התבודדות ותפלה

16. מען קען נישט פארטרייבן טונקלקייט, מען קען אבער יא _____ מאכן

18. זע צו האבן חיות פון _____

## פון רעכטס צו לינקס.

6. נאר דער וואס איז צוגעקלעבט צו א _____, דער בלייבט אויפ'ן ריכטיגן וועג

8. _____ _____ איז נישט קיין צייט פאר ארבעט

10. וואס טוט מען נישט פאר _____?

13. ער איז אזוי פריילין און _____, איך וועל אים ווייזן וואס מיינט גוט

14. אנא ה', העלף איך זאל צוריק באקומען די געפיל צו צניעות, איך זאל ליב האבן _____

15. די אלע וואס טראכטן פון געלט, האבן א _____ אויפ'ן פנים

17. גיי שריי אויס די _____, גיי התבודדות

19. די וואס _____ צדיקים און ערליכע אידן, וועלן בלייבן מיט ערליכע דורות

20. ווי מער מען רעדט פון _____, ווערט מער און מער ליכטיג פאר'ן מענטש



די ענטפערס פון פאריגע וואך



# בילדער
## אפטיילונג









בר מצוה פון הבחור אפרים נ"י בן ר' שלמה וויינבערגער
אין בית המדרש היכל הקודש ליבערטי - א' ראה




מסיבה פאר'ן כולל היכל הקודש אין בית המדרש היכל
הקודש קרית יואל העיס - דינסטאג עקב




אפשערן פון בן ר' הערשל בוים הי"ו (יבנאל) אין תלמוד
תורה היכל הקודש ירושלים - א' ראה תשפ"ב




פריש איבערגעמאכט די ציון פון הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע
לכבוד די יארצייט




ביים אנגרייטן די בית פיגא פלעי




די קינדער באטייליגן זיך ביים סיום הש"ס פון הילד נחמן נתן נ"י זון פונעם ראש ישיבה שליט"א - ליל ששי עקב




דער עולם גייט אדורך ביים אויבן אן צו וואונטשן מזל טוב לכבוד די שמחה







וואכנאכט און ברית פון הילד נחמן שמעון נ"י בן ר' יוסף פרידמאן הי"ו - ה' עקב תשפ"ב אין קרית ברסלב







וואכנאכט און ברית פון הילד אברהם בכור נ"י בן ר' שלמה יאקאבאוויטש הי"ו - ה' עקב אין קרית ברסלב







ברית פון הילד נחמן נתן נ"י בן ר' שלמה שטראה הי"ו זונטאג ראה תשפ"ב אין קרית ברסלב

בס"ד

# שישו ושמחו בשמחת התורה!

פון טיפן הארצן טוען מיר וואונטשן א ברכת
מזל טוב פאר'ן יניק וחכים, מופלג
ביראת שמים, מתמיד בתורה, מצוין
במדות טובות, מכבד ה' בגרונו ובכלי שיר,
ה"ה הילד הנחמד

## כמר **נחמן נתן רוטה** נרו יאיר

## לרגל יומא טבא לרבנן - סיום הש"ס

אין די זעלבע צייט וואונטשן מיר א מזל טוב פאר

## מורנו **ראש הישיבה** שליט"א

צו די גרויסע שמחה אשר המעונו לרגל דעם סיום
הש"ס פון זיין חשוב'ער זון.

דער אייבערשטער זאל העלפן דער חתן סיום
הש"ס זאל זוכה זיין צו לערנען און ענדיגן נאכאמאל
און נאכאמאל ש"ס און נאך ספרים, להגדיל תורה
ולהאדירה, ללמוד וללמד לשמור ולעשות,
והברכה אחת היא פאר'ן ראש ישיבה שליט"א, אז
דער ראש ישיבה זאל זוכה זיין ווייטער ממשיך זיין
געזונטערהייט מיט די עבודת הקודש, ליכטיג מאכן
פאר אידישע קינדער אין די גאנצע וועלט, און זען
נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און פון די
תלמידים הקרויים בנים, ביז מיר וועלן זוכה זיין כולנו
יחד מהרה לשמוח בבנין
בית הבחירה, אמן כן
יהי רצון.

מערכת
קרית ברסלב בלעטל